STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05684

MAYN SHTEDTEL IN UKRAINE

Moissaye J. Olgin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אָלגין

מיין שטעדטעל אין אוקראינע

מ. גורעוויטש'עס פארלאג
ניו יאָרק
1921

אינהאלט־פארצייכניס :

מיין שטעדטעל אין אוקראינע — 3

הומאָר, וויץ, שארפע קעפּ, — מ'האָט ניט וואָס צו טאָן מיט'ן שכל 9

קינסטלער, זינגער, שפּיעלער, פּאָעטען — די בענקשאַפט נאָך שעהנקייט — 17

גבירים און גרויסע למדנים — 25

אידישע שמחות — 32

ווען דער רבי קומט אין שטעדטעל — 46

מיין שטעדטעל לערנט זיך! — 52

מארטירער פון בילדונג — 60

אידישע פּרנסות — 69

דער גוי און דער איד אין דער אוקראַינער שטעדטעל — 77

מיין שטעדטעל אין אוקראינע.

פון דער סטאנציע צו מיין שטעטעל איז פינף און צוואנציג ווערסט. איהר געהט אראפ פון דער באהן, גיבען אייך א שיין פון אלע זייטען די ברייטע, גרינע און גאלדענע פעלדער. דערזעהט איהר, אז די סטאנציע איז נאר א קליינער רויטליכער פלעק אין מיטען גאט׳ס רחבות. ווערט אייך פלוצלינג היימליך אויפ׳ן הארצען — און איהר דערפיהלט זיך אין דער היים.

דער בעל עגלה איז שוין דא. ער ווארט אויף „פארשוינען.״ ער גיט אייך אפ שלום עליכם מיט אזא מינע, אקוראט ווי ער האט געוואוסט, אז איהר וועט היינט קומען. איהר זעצט זיך אריין אין וואגען. די רעדער קאטשען זיך איבער דעם ווייכען צואוואריםטען שטויב. די גלעקלאך הויבען א סאמעטענעם קלאנג. אט איז שוין ניטא די סטאנציע און ניטא די באהן. פוןביידע זייטען שטעהען ווענט מיט קארען. בלויע בלימלעך מישען זיך אוים מיט די גראהליך־גאלדענע זאנגען. ווען איהר געהט איבער׳ן פעלד, וואלטען די זאנגען אייך געשמיסען אין פנים און אפשר וואלטען זיי געגרייכט איבער אייער קאפ. דער וואגען האט זיך פארקירעוועט אויף רעכטס — און מיט אמאל באווייזט זיך די זייט פון א בארג. דער בארג איז איינגעטיילט אויף לאנגע פאסען. די פאסען לויפען פון אויבען צום טייכעל. א פאס ווייץ, א פאס קארען, א פאס האבער, א פאס הרעטשקע, א פאס פלאקס. דער ווייץ איז רויטליךגעל, דאס קארן האט א גרינליך־בלאסען שימער, דער האבער גלאנצט ווי זילבער, די הרעטשקע איז ווייס ווי קרייד, דער פלאקס איז הימעל־בלאה. זעהט דאס פעלד אוים ווי א זעלטענער קאברעץ. אונטען לויפט א טייכעל צווישען הויכע טונקעלע וואסער־גראזען — א ט ש ע ר ע ט ע ן. איבער׳ן טייכעל איז ארי־

בערגעוואָרפען אַ האָרבאַטע בריקעל, ווי אויף קאַטאָוועס. אויבען ציהט זיך אַ הימעל — ברייטער ווי ערגעץ־וואו אויף דער וועלט. עס איז וואַרים. די זון שיינט. די פערד איילען זיך ניט.

איהר וואָלט אַנטדרימעלט געוואָרען. דורך דעם לייכטען זי־סען דרעמעל, ווי דורך אַ שלייער, וואָלט איהר געפיהלט אַז די פעל־דער, אַז דעם ריח פון ביטער־גראָז — פּאָלין — וואָס וואַקסט לע־בען שליאַך, אַז דאָס פּישטשען פון אַ פויגעלע אין גראָז. איהר וואָלט זיך געפיהלט גליקליך — אַ מחיה. אָבער דער בעל־עגלה האָט אייך ניט געזעהן שוין עטליכע יאָהר. ער מוז מיט אייך שמועסען.

אַ קלוגער איד — לייזער דער טאָלנער. אַ איד אַ ווייצלינג. ער קען די שטאָדט אויסגעבונדען. ער ווייסט וואָס עס קאָכט זיך ביי יעדערען אין טעפּעל. אויף אַלצדינג האָט ער אייך אַ מאמרה, אַ משל, אַ גלייך ווערטעל. און ער האָט ליעב צו ריידען. אַלע אי־דען פון מיין שטעדטעל האָבען ליעב צו ריידען. הערט איהר — וועט איהר ניט געפינען קיין חלוק צווישען לייזער דעם בעל־עגלה און, אַ שטייגער, אידעל דעם קרעמער אָדער ליפּא דעם מלמד: זיי זיינען אַלע פון איין שניט — די ב'ער — און מען קען זיי גלייך דערקענען צווישען די אידען פון אַנדערע שטעדטלאַך.

לייזער דער בעל־עגלה איז אַ איד מיט אַ קאַרק און מיט אַ פּאָר ידים. אין אַ בלאָטע שפּאַרט ער אייך אונטער דעם וואָגען מיט זיין אַקסעל — האָט עס אַ פּועלה. געהט ער, וואַקעלט ער זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, ווי אַ פּויער. און עס איז טאַקע דאָ עפּעס פּויערשעס אין זיין וויאָקען אויף די פערד און זיין קנאַקען מיט דער בייטש. אָבער רעדען רעדט ער ווי אַ בר תורה. ער בראַקט אַמאָל אריין אַ פּסוק און אַ מדרש. און איהר טראַכט זיך: פון וואַנען האָט זיך דאָס צו איהם גענומען?

רעדט מען אַזוי וועגען דער שטאָדט, וועגען דעם מסחר מיט תבואה, וועגען יהושע פרידערקע מיט דעם פּריזיוו, וועגען נייעם דאָקטאָר. אַזוי ריידענדיג פאָהרט מען דורך עטליכע דערפלאַך, וואו די גאַסען זיינען לעדיג און גאָר היהנער זיצען אין שאָטען ביי

די פלויטען. מען פאָהרט באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ און ווידער באַרג אַרויף. דער וועג שלענגעלט זיך ווי אַ גראָהליכע לענטע. אין איין אָרט לויפט אַ וואַסערל איבער פלאַכע שטיינער; האָט דאָרט לייזער אָפּגעשטעלט זיך פּאָיען די פערד. דאָס וואַסער איז לויטער; די שטיינער זעהען זיך אַרויס ווי אָבגעהובלעוועטע. ביים ברעג וואַקסען געדיכטע קופּעס „פאַרגעס־מיך־ניט" בליכלאַך. ערגעץ הירזשעט אַ פערד. ערגעץ קלינגט אַ קאָסע. אַרום און אַרום איז אַזוי שטיל, אַז ס'קלינגט אייך אין די אויערען. אָדער אפשר זיינען דאָס גרילען?

מען פאָהרט ווייטער. נאָך איין באַרג — און אויף יענער זייט טייך זעהט איהר דאָס שטעדטעל, ווי אויף דער דאָלאָניע. עס דאַכט זיך, אַז עמיצער האָט שטיפענדיג אַ וואָרף געטאָן און פאַנאַנדערגעשאָטען בלאָהע, רויטע, גרינע, ווייסע און גראָהע קעסטעלאַך. האָבען זיי זיך אויסגעלייגט ווי אַ שעהנער אוזאָר. זיי שפּרייטען זיך פון דעם טייך אונטען ביז אַרויף צום שפּיץ באַרג. אפשר ציהען זיי זיך ווייטער אויך, נאָר איהר קענט דאָס ניט זעהן, ווארים עס פאַרשטעלט דער הימעל. די קעסטעלאַך — דאָס זיינען די דעכער פון די הייזער. אין מיין שטעדטעל דעקט מען די דעכער מיט בלעך און מען פאַרבט זיי, ווי עמיצען טראָגט די השגה. לייכט דאָס שטעדטעל מיט אַלערליי קאָלירען. דאָ און דאָרט שטעהען בוימער לעבען די הייזער. באַקומט זיך אַ בילד איינגעפאַסט אין גרינס.

דער בעל־עגלה פאָהרט פאַמעלאַך באַרג אַראָפּ, צום בריק — און איהר האָט צייט צו באַטראַכטען דאָס שטעדטעל. איהר לייענט עס ווי אַ לאַנד־קאַרטע. אָט יענע צוויי לאַנגע גרינע שטריכען — דאָס זיינען די צוויי שורות קלייטען, וואָס שטעהען אינמיטען מאַרק. אנטקעגען זיי אַ צייל הייזער — אברהם קאָרעצקי'ס איינפאָהר, אַ צוויי אַנדערע אכסניות, די גרויסע שניטקראָם. אויף דער אַנדערער זייט אין אַ ווינקעל — דער בית־המדרש, אַרומגעצאַמט מיט שטאַכעטען. אַביסעל ווייטער — דער קלויסטער מיט די גרינע טורעמס. אויפ'ן באַרג וואוינען די גויים.

דאָרט, פאַרביי דער אַפּטייק, פאָהרט מען קיין באַהוועלאָן קיין ווינאָהגראַד. ביים וועג, אויף ביידע זייטען, שטעהען הויכע אַלטע טאָפּאָליעס. איהר קענט זיי זעהען אַפּילו פון דאַנען. וועגען די טאָפּאָליעס דערצעהלט מען זיך אָן אַ פּאַק מיט כשוף־מעשיות. אונ־טען, פיעל נידעריגער, איז דער וועג קיין אַנטאָנאָווקע. דאָרט שטעהען די גרויסע „קרופּטשאַטנע" מיהלען, וואָס זיינען אויסגע־בויט אינמיטען טייך. געהט מען דאָרט אַריבער די געמויערטע בריק, איז מען אין וואַלד...

אָבער אָט איז שוין דער בעל־עגלה צוגעפאָהרען צום טייך. לעבען בריק איז שטענדיג אַ בלאָטע, סאַי זומער, סאַי ווינטער. מען קען קוים אַרויסשלעפּען די רעדער. די בריק אַליין הענגט ווי אויף נסים. זי האָט ניט קיין פאַרענטשעס און איז זעהר שמאָל. צוויי פוהרען קענען זיך קוים אויספעהלען. אינגאַנצען זעהט דאָס אויס ווי אַ פּאַס פון ברעטלאַך שווימענדיג אויפ'ן וואַסער. פאָהרט מען, טוקען זיי זיך אונטער אייך און איהר גלויבט — איהר וועט באַלד זינקען. אָבער נישקשה, לייזער דער בעל־עגלה זאָגט: „האָט קיין מורא ניט". מסתמא ווייסט ער.

מ'איז שוין אַריבער די בריק. דער וועג אין שטאָדט אַריין איז אַ קרומער, אַ שטיינערדיגער. פון ביידע זייטען שטעהען ליז־ניעס. עס הערט זיך דאָס קלאַפּען פון האַמערס. פונקען בליצען־אויף אין די פאַררויכערטע אויוועגס. דאָ און דאָרט הענגט אַ פערד אין די רימענס צווישען סלופּעס. צוויי פועלים האַלטען דעם פערד'ס פוס אויסגעבויגען מיט דער קאַפּיטע אַרויף. דער קאָוואַל אַליין שלאָגט אַריין די צוועקעס. אַביסעל ווייטער הערט זיך דאָס הילכען פון אייזען. דאָ איז די גאַס פון די קאָוואַליעס. יעדע מלאכה האָט זיך איהר גאַס אין מיין שטעדטעל. איך ווייס ניט פאַר וואָס איז דאָס אַזוי, אָבער מענשען פון איין מלאכה האָבען ליעב צו וואוינען איינער לעבען אַנדערען. אפשר איז דאָס צוליעב דעם גוי. אַלע זונטאָג איז אַ יאַריד. דער גוי קומט אין שטעדטעל איינקויפען. ווייסט ער, אַז אַ דאָ זיינען די קאָוואַליעס. אויפ'ן באַרג, אויף יענער זייט טאַרהאָוויצע, זיינען די שטעלמאַכערס (וואָס

מאכען רעדער און וועגען). אונטען, אין א זייטיגער גאס, וואוינען די רימערס. זאל זיך א בעל־מלאכה באזעצען אין אן אנדער ארט, וועט איהם דער גוי ניט געפינען. מוזען זיי זיך טולען איינער צום צווייטען — און רייסען איינער ביים אנדערען דאס שטיקעל ברויט פונ'ם מויל. אזוי איז שוין דאס אידישע מזל. דאס שטעד־טעל לעבט פונ'ם גוי — און דארף וויסען ווי זיך מיט איהם צו באגעהן.

נאך צוויי־דריי געסלאך — און דער גרויסער מארק עפענט זיך פאר אונזער עגלה. מיר זיינען אנגעקומען. מיר זיינען אין רעכטען מיטען שטאדט.

אבער ווי שטיל דא איז! דאס ערשטע, וואס איהר דערפיהלט אין ב., איז די שטילקייט. אין טאלנע, א שטייגער, איז תמיד א קאך, א הו־הא. מענשען לויפען ארום פאר'טרוד'טע און פאר־שוויצטע. אין ב. אין שטיל. און ב. אין סך הכל פינף און דריי־סיג ווייארסט פון טאלנע. ב. ווערט אביסעל רוישיג נאר אום זונ־טאג, ווען ס'פאהרען זיך אן די גויים. אין א וואכעדיגען טאג האט מען זיך ניט וואס צו איילען. און בטבע איז דער ב.'ער איד ניט קיין לויפער. א ב.'ער איד איז אן אפגעפוצט מענשעל. אפילו א קבצן ווייסט, אז ער איז ניט אבי ווער. א ב.'ער איד האט ליעב צו קוקען אויף אלצדינג מיט א פילאזאפישען שמייכעל. על כל צרה שלא תבא וועט ער נעפינען א ווערטעל.

די שטאדט איז שטיל. ס'איז שוין בן השמשות. נאלד פינ־קעלט אפ אין עטליכע הייזער אנטקעגען די לעצטע שטראהלען פון דער זון. דער מארק אטעמט מיט אומעט. עפעס ווי דא וואלט זיך אקארשט אן אומגליק געטראפען — און אלצדינג האט זיך פארטאיעט. אונזער גלעקעל קלאנט זיך אין לעדיגען מארק און פאסט זיך אריין אין דער אלגעמיינער מרה־שחורה. דאס גלעקעל וועקט דאך אויף אביסעל לעבען. דא און דארט עפענט זיך א פענ־סטער און א קאפ קוקט ארויס: ווער פאהרט? אויף א פריזבע לעבען א שטוב האט אן אלטער איד געמאכט פון דער האנד א דע־בעלע איבער די אויגען, כדי בעסער צו זעהן. צוויי אינגלאך זיינען

דורכגעלאָפען, זיך אָפּגעשטעלט ווי פּאַרגליווערט, אַריינגעשטעקט די אויגען אין אָנגעקומענעם גאַסט און זיך ווידער גענומען לויפען. פון בית מדרש זיינען אַרויס עטליכע יונגע לייט — ס'איז איצט בין מנחה למעריב — שטעהען זיי אויפ'ן פּלאַץ און ריידען זיך איי־בער. „ווער קען דאָס זיין? דאַכט זיך: אַ באַקאַנטער?"

אין אַ מינוט אַרום שטעקט מען שוין שלום פון אַלע זייטען: ס'שיטען זיך ווערטלאַך און וויצען...

אַ זייט הימעל איז רויטליך. שטערענדלאַך באַווייזען זיך אויבען. אין די הייזער הייצט מען די אויוועגס. באַלד וועל איך זיין אין דער היים...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עד! אוקראַאינע, אוקראַאינע! געווען אַזאַ שעהנע היים, אַזאַ פריידליכער ווינקעל. וואָס האָסטו געמאַכט פון אונז אַלע? וואָס האָסטו צו אונז?

הומאָר, וויץ, שארפע קעפּ. — מ'האָט ניט וואָס צו טאָן מיט'ן שכל.

די סאקאליווקער אידען זיינען געווען גוטע עסערס. זיי האָבען, ווי זאָגט מען עס, געהאט א „שטאָך צו דער אכילה״; די ווינאָהגראדער זיינען געווען כסדר פארשלאָפען; טאַלנע האָט געהאט א שם מיט איהרע „סיפאקעס״ (זאקאָניקעס, אזוינע וואָס האָבען ליעב צו לאָדען); איוואַנקער אידען האָבען גלאַט ניט געטויגט ניט צו גאָט, ניט צו לייט; די אידען פון מיין שטעדטעל ב. זיינען געווען גרויסע „שטוקארעס״.

א „שטוקאר״ איז אזוינער, וואָס האָט ליעב חכמות, ווערטלעך, קונצען. פאר א גלייך ווערטעל וועט אייך א ב.'ער איד מוחל זיין א שאָק עבירות, צוליעב א גלייך ווערטעל וועט ער ניט שוינען ניט דעם טאַטען, ניט די מאַמע. א געלונגענע מימרא, א וויץ, א רעדענסארט, האָט מען איבערגע'חזר'ט מיט א ווילדער הנאה און מ'האָט דאָס קיינמאָל ניט פארגעסען. די בעסטע צונעמענישען האָט איהר געקענט געפינען אין מיין שטעדטעל. א סך פון שלום עליכם'ס חכמות זיינען געבוירענע ב.'ער. „פיטש פאטש אי ניקאַקיך״, האָט זיך געהערט אין ב. נאָך איידער שלום עליכם האָט אָנגעשריבען די „סוכה״ און די „ערשטע קאָמונע״. די אידענע, וואָס קלאָגט זיך פאר'ן דאָקטאָר אז עס טוט איהר וועה דער קאָפּ, עס שפּארט איהר אונטער'ן הארצען, עס ברעכט איהר דער רוקען, עס בויגען זיך עפּעס די פיס און אליין איז זי אויך עפּעס, לא עליכם, ניט געזונט, — אָט די אידענע, קען איך שווערען, האָט מען אויסגעטראַכט אין ב. נאָר וואָס טויג

איך אן אויסגעטראכטע אידענע? אַט איז אריה־וואָלף דער שמש, א מאַכער אין די חברה קדישא. טאָמער האָט זיך גע־טראָפען א בר מינן, האָט אריה־וואָלף געשטעלט א מקח פאַר דער קבורה. פלעגט מען זיך, מסתמא, אָנהויבען דינגען: פאַר־וואָס קומט, אַ שטייגער, גאַנצע זיבען קערבלעך? פלעגט אריה־וואָלף ענטפערען: „וואָס הייסט? א געוואַלט מיט הוצאות! באַרעכענט נאָר: תכריכים אזויפיעל און אזויפיעל, א מטה וועט קאָסטען אזויפיעל, היינט ליכט, היינט מטהר זיין, היינט דער קרבן, היינט לעקעך מיט בראַנפען פאַר דער גאַנצער חברה״ — און אז אונזער שמש האָט שוין אויסגערעכענט אלצ־דינג ביז דעם לעצטען גראָשען, פלעגט ער ערשט אָנשטעלען א פּאָר אויגען און פרעגען בתמימות׳דיג: „נו און וואו איז עפּעס גלאַט הוצאות? דאָס שטעדטעל פלעגט ניט מיעד ווערען איבער׳חזר׳ן די מימרא — און מ׳האָט פון איהר ניט אויפגעהערט קוועלען.

אָדער אפשר האָט איהר געהערט פון מרים פּאַוואָלאָ־טשערין? איהר ערשטער מאַן האָט זי געלאָזט אַן עגונה און איז אוועק קיין קירה (עסטרייך), דאָרט האָט ער זיך אריינגעגע־בען אין סאָלדאַטען און זיך דערדיענט צו א סערדזשאַנט. גע־ווען איז ער א געזונטער יונג, בלוט און מילך, געלעבט א טאָג, און גאָר פאַרגעסען, אז ער האָט ערגעץ געלאָזט א לעבעדיגע אלמנה. אקיצור, דאָס ווייבעל האָט דערזעהן: מען הערט ניט פון איהר מאַנ׳דעל „ני סלוחו ני דוחו״, האָט זי זיך אוועק־געלאָזט איהם זוכען. געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון מדינה צו מדינה (געלעבט האָט זי פון נדבות) ביז זי האָט זיך דערשלאָגען קיין „לעמבעריק״ און געפונען איהר מציאה. דער חברה־מאַן איז באַלד מרוצה געוואָרען אויף א גט — וואָס האָט ער זי טאַקי געדאַרפט האָבען? — אָבער דערווייל קען מען דאָך קיין דבר אחר ניט זיין, האָט ער זי אריינגענומען אין א עס־שטוב און זי מכבד געווען מיט א שעהנעם מאָהלצייט. צום מאָלצייט האָט מען געשטעלט פאָרטוויין. דער סערדזשאַנט

האָט אָנגעגאָסען דער ווייבעל אַ גלאָז וויין, יענע האָט גענומען טרינקען און זיך פארקרימט: ביטער. שטעלט זי אוועק די גלאָז און זאָגט: „איך וויים גאר ניט ווי טרינקט מען אזא משקה”, טוט דער מאַן אַ זיפץ, מאַכט אַ רחמנות־פּנים און ענטפערט: „זעהסט דאָך. אָ ט א ז ו י מ י י ן ו ו י י ב קומט מען אָפּ אין אויסלאנד.”

אָט דאָס ווערטעל: „אזוי קומט מען אָפּ אין אויסלאנד„, איז געוואָרען אין שטעדטעל אַ גאַנגבאַרע סחורה. זומער, די זון שיט מיט פייער אויפ'ן שטעדטעל, דער מארק איז ווי אויס־געשטאָרבען, דער הימעל איז אזש בלאסליך פאר היץ, די לאָדען זיינען צוגעמאַכט. אפילו די מלמדים זיינען צומאָרעט געוואָרען און זיך צוגעלייגט שלאָפען. חברה קונדסים האָבען זיך איינציגווייס אַרויסגע'גנב'עט און אַוועק צום טייך. ביים ברעג זעהען זיי: יאַנקעל דער וואסער־פיהרער האָט צוגעבונדען זיין קליאטשע צו אַ בוים. דאָס פעסעל האָט ער איבערגעדעקט מיט אַ זאַק, עס זאָל ניט צולעכערט ווערען פון דער זון, ז״ון אליין ליגט ער אין דעם שאָטען פון אַ שטיין און כאַפּט אַ דרע־מעל. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז שלעפעריג, עס באַווייזט זיך ניט קיין לעבעדיגער נפש. אָבער די קלייטען מוז מען האַלטען אפען. קיינער ווייסט ניט פאַרוואָס, נאָר אַ כלל איז, אז אַ קראָם טאָר מען ניט פאַרמאַכען אין מיטען טאָג. זיצען די קרע־מער און שוויצען און כאַפּען פליעגען און האַלטען מלחמה מיט'ן יצר הרע פון שלאָפען. קלייבען זיך עטליכע צונויף ביי הער־שעל אברהם יאַנקעל'ס אין קלייט — און מען דערצעהלט מעשיות. מען רעדט פון גוטע אידען, פון די לובאַמירסקים, די קניאַזען (פירשטען), וואָס צו זיי געהערט דאָס שטעדטעל. מען רעדט פון לייבצי דיזיק, — דעם נזיר. מען דערצעהלט נסים ונפלאות פון אַ דיין, דעם טאַלנער דאָקטאָר, יואָס מאכט אָפּע־ראַציעס, נאָר איינס אין דער וועלט. מען שמועסט וועגען היי־מישע מענשען. מ'האָט ליעב די מעשיות מיט די גוזמאות מיט דער פאָעזיע פון ניט־געשטויגענע, ניט געפלויגענע זאכען, אָבער

מעהר פון אלצדינג האט מען ליעב דעם קורצען און שארפען שפרוך.

אט דערצעהלט מען פון יצחק־יהושע דעם מלמד. יצחק־יהושע איז א גרויסער למדן און א גרויסער ירא שמים. פאר־שטעהט זיך אז אויף ימים נוראים פאהרט ער צום רבי'ן. ביי'ם רבי'ן אין שטיבעל דאווענט, ווי דער שטייגער איז, א חזן מיט משוררים. קומט אבער יום כפור צו מנחה, איז דער רבי מכבד איינעם פון זיינע חסידים ער זאל דאוונען פאר'ן עמוד. אזא מנהג איז דאס ביי איהם פון לאנגע יאהרען. איינמאל הייסט ער יצחק־יהושע'ן ער זאל זיך שטעלען דאוונען, ווערט ביי יצחק יהושע'ן אנטלאפען דער מאמע'ס מילך. א קאטאוועס — זיין א שליח צבור, א בעטער פאר א גאנצע עדה אידען, — און ווען? אום יום כפור, ווען א פיש ציטערט אין וואסער, — און וואו? ביים רבי'ן אין שטיבעל, פאר אזא עולם מיט חסידים. ווי קען ער דאס — ער, א זינדיגער מענש, אן עפר ואפר? ווי איז ער גאר ווערט צו שטעהן אין דעם רבינ'ס דלד אמות? ווי קען ער האבען די ריינע הרהורים, די לויטערע נשמה צו דאוונען פאר'ן עמוד אום יום כפור? וועט ער נאך, חלילה, שאדען דעם פאלק ישראל? אפשר וועט זיין תפלה ניט זיין לרצון פאר דעם וואס לעבט אייביג? און היינט איז דאך א יום הדין — אידען דארפען אויס־בעטען א חתיבה וחתימה טובה. געהט ער צו צום רבי'ן מיט ציי־טערדיגע קניע און מיט א בלאסען פנים און זאגט: „רבי, איך האב מורא!" טוט דער רבי א ליעבליכען שמייכעל און ענטפערט: „נארעלע, וועמען דען זאל איך שיקען, — אזוינעם וואס האט נ י ט מורא?"

דער עולם חזר'ט איבער די מעשה דאס הונדערטסטע מאל און קוועלט פון דער חריפות.

און אט איז אן אנדער איד, איך האב שוין פארגעסען זיין נאמען. יאהרען און יאהרען פלעגט ער דאוונען אין שווארץ־טומאה'ער שוהל וואכעדיגע מנחה ומעריב'ס. געווען איז עס אזוי זיך א פראסטער אידעל, נאר ער האט שוין געהאט כמעט ווי א

חזקה אויף דאווגען פאר'ן עמוד אין שוהל. האט קהל באשלאסען אויסצובויען א נייע שוהל — גאר א פראכט. מען האט ארונטערגעריסען די אלטע, געבויט עטליכע יאהר — און ס'איז טאקע ארויסגעקומען א בית המקדש, ניט קיין שוהל. מאלט אייך, די הויכע ווענט, דער געוועלבטער סופיט, די שניצערייען פון דעם ארון קדוש, די געמעלען אויף די ווענט, די שמאלע און לאנגע קאלירענדע פענסטער — טאקי א הדרת קודש. אפשר צעהן אלטע שוהלען וואלטען זיך געקענט פאטופען אין דער נייער. אז דער בנין איז פארטיג געווארען און די עדה איז זיך דאס ערשטע מאל צונויפגעקומען דאווגען מנחה, רופט מען זיך אפ צו אונזער אידעל: „נו, געה, שטעל זיך צום עמוד!" קוקט ער זיך ארום אויף דעם גלאנץ און דער הויכקייט און ענטפערט: „ניין, איך וועל ניט דאווגען: דיע שוהל איז צו גרויס אויף מיר."

ב.'ער אידען האבען ליעב חקירות, פילפול, האבען זיך ליעב שארפען די צונג און דעם מוח. נאך מעהר האבען זיי ליעב א מליצה, א געלעכטעריל, א חוזק. אז אונזערער א איד רעדט צו אייך, זיינט איהר קיינמאל ניט זיכער, צי ער מיינט ערנסט, צי ער טרייבט קאטאוועס. אפילו פון זיינע אייגענע צרות וועט ער ריידען מיט א געלעכטער. „ער לאכט מיט יאשטשערקעס", וועט מען אויף איהם זאגען הינטער די אויגען. — אבער ער לאכט פארט. מיר דאכט זיך, אז מיין שטעדטעל האט געהאט מעהר הומאר, איידער גאר גאנצער אידישער תחום. דורכ'ן הומאר פלעגט א איד זיך באפרייען פון זיינע צרות. דורך הומאר פלעגט א איד דערהאלטען זיין מענשליכע ווערדע. געלעבט האט זיך שווער, פרנסה איז אנגעקומען בדוחק גדול. דאנערשטאג, ווען מען האט געדארפט געבען דער ווייב אויף שבת, איז ביי אידען געווען א יום הדין. ערב פסח און ערב ראש השנה איז געווען ווי קריעת ים סוף. צאהלען א מלמד פאר'ן איינגעל איז אנגעקומען מיט בויך־וועהטאג; חתונה מאכען א קינד איז אנגעקומען מיט גרינע ווערים. געווארען איז אלץ ערגער, ניט בעסער, און די אויס־

זיכטען אויף ווייטער זיינען געווען אַלע מאָל טרויעריגער. און א נשמה האָט מען, און דער מח ארבייט אפשר צ ו ־פיעל. א ב.'ער איד האָט געהאַט מעהר מח ווי פלייש אויף די ביינער, מעהר קאָפּ ווי בלוט אין די אָדערן. נו, האָט דער מח איהם געוויזען אַל'דאָס לעבערליכע ארום און ארום. האָט דער קאָפּ איהם אונטערגעזאָגט, אַז ער אַליין, מיט זיינע קליינינקע זאָרגען, מיט זיינע טאָג־טעג־ליכע דורכשניטליכע טראַגעדיעס, איז אַ שטיק חוזק. האָט ער געלאַכט פון זיך און פון יענעם.

ווילט איהר דערלאַנגען מיט אייער געלעכטער ביז'ן ביין, דאַן דאַרפט איהר קענען דעם חברה־מאַן, וואָס איהר לאַכט פון איהם אָפּ. אין מיין שטעדטעל האָט מען זיך געקענט איינער דעם אנדערען ווי אַן אָפּגעשוינדענעם. צייט, ברוך השם, איז געווען איבער גענוג. באַהאַלטען זיך פון קהל האָט א שטעדטעלדיגער איד ניט געקענט. יעדע שטוב און יעדער חדר אין שטוב זיינען געשטאַנען אָפען, ווי געמאַכט פון גלאָז. יעדער איינער האָט אַריינגעקוקט אין אייער שיסעל, אין אייער טעפּעל, אין אייער בעט. מ'האָט געוואוסט וועגען אייך די קלענסטע קלייניגקייטען, די פאַרבאָרגענסטע סודות, און מ'האָט גערעדט, מ'האָט זיך גע'חכמה'עט, מ'האָט געשפּאַסט, מ'האָט אויסגעשמידט גלייכווערטלעך, מ'האָט אויסגעטראַכט מעשיות. הפקר א וועלט.

טראַכט איך וועגען מיין שטעדטעל, זעה איך די טראַגעדיע פון א גאַנץ פאָלק אונטער דעם יאָך פון אונטערדריקונג. א גאַנץ פאָלק אָפּגעשניטען פון די קוואַלען פון לעבען. מהאָט א געזונטען שכל — און ניטאָ מיט איהם וואָס צו טאָן, מ'האָט א שאַרף אויג — און די האָריזאָנטען זיינען איינגעצוימט, שמאָל, ניטאָ וואָס צו זעהן. מ'האָט גרויסע פעהיגקייטען — און זיי געהען לאיבוד. מ'האָט א געוואַלטיגען הונגער צו ארבייט — און די הענט זיינען געבונדען. מען וואָלט מיט די פעהיגקייטען און מיט דער ענערגיע געקענט מאַכען פון א מדבר א בליהענדע לאַנד — און דאָ דאַרף מען אוועק־געבען דאָס אַלעס אויף א מסחר פון א הויפּטעל קרויט, אויף א קראָם וואָס באַטרעפט דריי קאָרבאָוואַנצעס — איז דאָס אויך גע־

באַרגטע. דער אידישער קאָפּ און דער אידישער וויץ האָבען זיך ניט געהאט מיט וואָס צו שפּייזען, נאָר מיט זיך אליין. האָבען זיי זיך אזוי אָנגעשאַרפט, אַז זיי זיינען געוואָרען ווי א חלף. מילא, א ב.'ער ווי א ב.'ער: אונזער איינער האָט געוואוסט ווי אפּצוהאקען יענעם די פּליגעל. ווי זאָגט מען דאָרט אין דעם שטעדטעל: מען לאָזט זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע. אָבער אַז ס'איז אריינגעפאַלען אָ פּרעמדער, איז איהם כ'לעבען, ניט געווען וואָס מקנא צו זיין: ער וועט שוין ארוים בשן ועין. „בעסער אין גוי'אישע הענט ווי אין אידישע מיילער", איז דאָ א שפּריכוואָרט. צווישען אלע אידישע מיילער זיינען די ב.'ער געווען די שאַרפסטע.

רייִדענדיג מכח אידישע פעהיגקייטען, וואָס געהען לאיבוד. אָט איז א ביישפּיעל: שמואל גוטשטיין. איך בין זיכער, אַז אין איהם איז פּאַרלוירען געגאַנגען א גרויסער מאַטעמאַטיקער. יעדענפאַלס ווייס איך, אז ער האָט געקענט אַלגעבראַ און געאָמעטריע און טריגאָמעטריע א סך בעסער ווי די לעהרער פון מיין גימנאַזיע. ווי קומט דאָס צו איהם? ער האָט דאָס ליעב געהאט, ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט חשבון צוליעב דעם אייגענעם פאַרגעניגען. געשטודירט האָט ער דאָס פון העבּרעאישע ביכער, און ווען מען האָט איהם געגעבען א „זאַדאַטשע" (אויפגאַבע) האָט ער זי געמוזט איבערשרייבען מיט אידישע סמנים — אלף'ן, בית'ן און גמל'ן — אָבער עס איז ניט געווען אַזאַ אויפגאַבע, וואָס ער זאָל ניט קענען „רעשען" (לעזען) איינס און צוויי. דער קאָפּ האָט ביי איהם געארבייט מיט א מורא'דיגער מהירות. דער קאָפּ איז ביי איהם געווען איינער פון די שאַרפסטע אין מיין שטעדטעל. ער האָט געקענט אויף אויסווענדיג דעם „כוזרי", דעם „מורה נבוכים", געלייענט שפּינאָזא'ן און אנדערע פילאָזאָפען — אלץ אויף העברעאיש. ער האָט געהאט דעם גלייכסטען שכל צווישען אלע ב.'ער אידען, און פון וואָס האָט ער געלעבט? איין גאָט ווייס. אמאָל, אין די איינגערע יאָהרען, איז ער געווען א „סלוזשיטעל" (אָנגעשטעלטער) אין אָ געשעפט. ווען איך האָב איהם געקענט, איז ער ארומגעגאַנגען לעדיג. געווען איז ער א שעהנער איד, א מפונק, געהאַלטען

זיך ריין, ציכטיג, געהאַט אַ פּנים פון אַ זיידענעם יונגענמאַן, באַטש ער איז שוין געווען אין די פופציגער. און גאַנצע טעג און גאַנצע חדשים האָט ער קיין זאַך ניט געטאָן, נאָר געשאַרפט זיך דעם מח אויף אומנוציטיגע זאכען. עד היום ווייס איך ניט, וואו ער האָט גענומען צום לעבען (אַז אַך און וועה וואָס פאַר אַ לעבען דאָס איז געווען). איך ווייס נאָר, אַז איינמאָל אין עט־ליכע וואָכען איז ער געווען אַ בורר. טאָמער האָבען אידען גע־האַט אַ פאַרפּלאָנטערטע דין תורה, האָט מען זיך אויף איהם פאַר־לאָזען, ער האָט מיט זיין שכל הישר און מיט זיין מיושב׳דיגער האַלטונג געפונען אזא דרך, וואָס האָט אויסגעלייזט ביידע צדדים. פון אַ בוררות פלעגט איהם אמאָל אריינפאַלען אַ פאָר גראָשען. אָבער וואָס וואָלט אָט דער מענש ניט געקענט אויפטאָן, ווען ער וואָלט געהאַט אַ פּלאַץ פאַר זיין טאַלאַנט!

קינסטלער, זינגער, שפּילער, פּאָעטען — די בענקשאַפט נאָך שענקייט.

מיין שטעטעל האָט ליעב געהאט שענקייט. מיין שטעדטעל האָט געביינקט נאָך אַזא מענשען, וואָס זאָל עם אבּרייסען פון דעם וואָכעדיגען לעבען. מיין שטעדטעל האָט געאַכט און געשעצט די נשמה יתירה.

אַן אַלטער איד פון מיין שטעדטעל, אַ ווייטער קרוב, האָט מיר דערצעהלט, ווי אַזוי מ׳האָט געבויט דעם גרויסען בית המדרש. ער איז דעמאָלט געווען אַ אינגעל. ער פלעגט טעג און נעכט אָפּליגען לעבען בית מדרש. מיט אַ באַזונדערער ליעבשאַפט האָט ער מיר דערצעהלט, ווי אַזוי מ׳האָט געמאַכט דעם ארון קודש. דער ארון קודש איז געווען אויסגעשמידט פון מעש אין קופּער און זילבער. ער האָט פאַרנומען אפשר דריי איילען אין דער ברייט און האָט זיך געצויגען פון דער ערד ביז דער סטעליע. אין גאַנצען איז ער געווען אויסגעפלאָכטען פון בלעטער און הענגלעך, ווייגטרויבען און לייבען און אדלערס. מיין קרוב האָט מיר דערצעהלט, אז ער האָט מיט זיינע אויגען געזעהן, ווי מ׳האָט אויסגעהאַמערט די גאַנצע פּראַכט.

— דריי אידען זיינען אָנגעקומען פון אַ ווייטער שטאָדט. דריי פרומע אידען. זיי האָבען גאָר ניט געהאַט קיין פּנים פון בעלי מלאכות. זיי האָבען געקענט לערנען און זיינען געווען אנשים מכובדים. מען קען זיי טאַקע ניט אָנרופען בעל מלאכות, וואָרים זיי זיינען געווען קינסטלער. זיי פלעגען נעהמען אַ קופּערנעם אָדער אַ זילבערנעם בלעך, אָנשטעלען אויף איהם עטליכע שטיפטען — די שטיפטען האָבען זיי געהאַלטען צווישען די

פינגער — א קלאפּ טאָן מיט'ן העמערעל, און ס'איז ארויסגעקו־מען א טוֹיבּ, א שלאנג, א לעמפּערט. אזוינס צו מאכען דארף מען האָבען א מתנת אלקים. געארבייט האָבען זיי טאקע אין בית מדרש, און איך פלעג קלעפּען צו זיי און זיך חדוש'ן אויף זייער קונסט. מיר האָט זיך אויסגעדאכט, אז אין זיי איז דאָ א ניצוץ פון בצלאל. מיט דער צייט זיינען זיי געווארען צוגעלאָזט צו מיר און האָבען מיט מיר אויך גערעדט. געוועזן וואוילע מענ־שען, גאָר ניט געבּלאָזען פון זיך. איך האָב זיך איינמאָל אָנגע־נומען מיט הארץ און געפּרעגט דעם עלטסטען פון זיי, ווי אזוי קען מען זיך אויסלערנען האמערען לעבעדיגע זאכען. האָט ער מיר געענטפערט, אז אויסלערנען זיך איז ניט מעגליך: מען דארף דערמיט געבוירען ווערען. ער אליין, האָט ער געזאָגט, קען אויסקלאפּען אלצדינג, וואָס ער זעהט. אפילו אן עוף הפורח (א פויגעל, וואָס פליהט אין דער לופטען) קען ער כאפּען ווי ער פליהט און איהם אויסקלאפּען פון גאָלד אָדער זילבער. ער האָט אויך געקענט מאָהלען מיט א פּען, און ס'איז אויסגעקומען ווי א לעבעדיגע זאך...

— פאראַן געבענשטע הענד אויף דער וועלט — פלעגט מיין קרוב אויסלאָזען מיט א זיפץ, און מ'האָט געזעהן: איהם בענקט זיך נאָך דער גרויסער וועלט, וואו ס'איז דאָ אזוי פיעל שעהנקייט. ער אליין האָט ניט געוואוסט, אז אפשר האָט ער פון דעם איינעם ארון קודש געשעפּט מעהר פּאָעזיע, איידער אנדערע פון גאנצע גאלעריעס. דער עיקר איז דאָך ניט ו ו י פ י ע ל דער מענש זעהט, נאָר ו ו י א ז ו י. דער עיקר איז, וויפיעל ער לעבט איבער. אין אונזער שטעדטעל האָט דאָס איין איינציגע קונסט־ווערק — דער שעהן־געשניצטער ארון־קודש — געגעבען דורות אידען די רייכע ברכה פון שעהנקייט.

אין בית־מדרש פלעגט אמאָל דאווענען אן אָנגעפּאָהרענער חזן. דאָס שטעדטעל אליין איז געוועזן צו אָרים צו קענען אויסהאלטען א חזן מיט משוררים. אבער אז גאָט האָט געהאָלפען און א גוטער זינגער איז אריינגעפאלען, איז דאָס געוועזן שוין איין מאָל א יום־

טוב. אידען מיט בערד פלעגען שטעהן אונטער די פענסטער און הערען, ווי ער זינגט־איין מיט די העלפערס. וואכען און חדשים פלעגט מען נאָכדעם איבערזינגען די שעהנע נגונים. אין שטאָדט פלעגען ארומגעהן גוזמות וועגען טייערע זינגערס. מ'האָט דער־צעהלט פון א חזן א איינגעל אָהן א חתימת זקנה (קיין שפור פון קיין באָרד) און וואס האָט אזוי געזונגען, אז ער האָט ארויסגענו־מען די נשמה. מ'האָט דערצעהלט פון א חזן, וואס האָט אפגע־האלטען אן עולם אידען ביז פיער אזייגער בייטאג און קיינער אין בית־מדרש האָט ניט געפיהלט, אז ער איז הונגעריג. מ'האָט דער־צעהלט פון דעם באריהמטען באַס, וואס האָט געהאט דעם אמת'ן שאגת ארי. דער באַס איז ניט געווען קיין חזן, נאָר א משורר. ער איז געווען א געזונטער יונג, ווי א בער, און האָט ליעב געהאט מאכען א כוס'ע גאָר כדבעי. ער האָט אנדערש ניט געקענט זינגען, סיידען מ'האָט אין איהם ארייגעגאָסען דריי קוואָרט ביער. אזא נפש איז דאָס שוין געווען. גאָה פרעג קשיות אויף זינגער און שפיעלער: זיי זיינען דאָך ניט ווי געוועהנליכע מענשען. אָט דער באַס, אז ער האָט גענומען זינגען, האָט זיך עס געצויגען ווי א סאַמעט, געגלעט ווי פליגעל פון טויבען, געהילכט ווי א דונער. אז דער באַס פלעגט עפענען זיין מויל און ארויסלאָזען א געשריי, האָט געציטערט יעדער אבר. איינמאָל, האָט מען דערצעהלט, איז ער געגאנגען איבערן מארק. ס'איז געווען א וואָכעדיגער טאָג. אי־דען זיינען געזעסען אויף די גאניקעס פון די קלייטען. פרעגט איהם איינער אויף צוקאַוואָסט: „ווי האַלט דער זייגער?" האָט דער בחור אויפגעעפענט א געמבע און געענטפערט: „האַלב דריי", האָבען די פענסטער אַרום און אנגעהויבען קלינגען.

מיט א ליכט אין די אויגען און א גליק אויפ'ן פנים האָבען מענשען דערצעהלט פון די אומגעוועהנליכע זינגער. די פאנטאזיע האָט געארבייט. אויף פליגלען פון טרוים האָט די נשמה זיך אוועקגעטראגען ווייט פון דעם שטעדטעל, פון דאגת פרנסה, פון קראנקע קינדער, פון אומגעהייצטע דירות, פון לעדיגע קעשענעס, פון צוריסענע קינדערשע שיכלעך און איבערגעוואקסענע בתולות.

דערגרייכט האט די נשמה אזוינע וועלטען, וואו אלצדינג איז ליכט, אלצדינג איז נחת, אלצדינג איז אנגעטרונקען מיט שטראהלען פון שעהנקייט. געלעכצט האט די נשמה נאך איהר שורש...

און חיים דער קלעזמער! געווען צוויי ברידער אין סאקאליווקע: אשר און חיים. אשר האט געהאט א קאפעליע קלעזמער און איז געווען באקאנט אין דער סביבה. חיים האט ביי איהם געשפיעלט די צווייטע פיעדעל. שפעטער איז איהם דאס מיאוס געווארען, האט ער זיך ארייננגעקליבען צו אונז אין שטעדטעל און געווארען א קלעזמער פאר זיך. געווען איז ער אן אמת'ער קינסטלער — מיט גרויסע, האלב־משוגע'נע פאר'חלומ'טע און פארפלאמטע אויגען, מיט א בלייכען אויסגעדארטען פנים, מיט לאנגע, ווייסע, דינע, פיהלבארע פינגער. פון דער וועלט האט ער כמעט ניט געוואוסט גאר ניט. א קינד האט איהם געקענט פיהרען ביי דער נאז. זיין ווייב, א פראקטישע אידענע, האט מיט איהם געהאט צרות צרורות ווייל ער איז ניט געווען קיין פארזארגער. דער אמת'ער מאכער אין חיים'ס קאפעליע איז געווען דוד מאסיים, א אידעל א שווארצער, א נידעריגער און א געזעצטער, דוקא ניט קיין געהויבענער פיעדלער, אבער דערפאר א מעורב עם הבריות. אן אנדער „פערזאן" אין דער קאפעליע איז געווען אהר'ל דער פויקער, וואס פלעגט כסדר זאגען: „מ י ר שפיעלען די חתונה", אקוראט ווי ער וואלט געווען דער גאנצער כל ולך. חיים האט פון וועלט־זאכען געהאט א קנאפע ידיעה. דערפאר אז ער פלעגט אוועקלעגען די באק אויפ'ן פיעדעלע און נעהמען פיהרען מיט'ן שמיציק איבער די סטרונעס, האט ער פאר אייך אויפגעעפענט גאר א נייע וועלט. איהר האט נעפיהלט, אז ביי איהם אין פיעדעלע איז פארבארגען א געפאנגענע נשמה. די נשמה רייסט זיך אויף דער פריי. די נשמה קלאגט און וויינט און בעט זיך די נשמה זיפצט פאר דעם בורא עולם. אידען מיט בערד, מיט פארהארטעווטע פנים'ער, האבען זיך געפיהלט ווי קליינע קינדער, ווען זיי האבען געהערט חיים קלעזמער. אידען האבען זיך געוואלט צוטוליען צו עמיצען, זיך פיעשטשען, ווי א קינד פאר דער

מאמען, זיך באקלאָגען אויפ'ן ביטערען מזל. דאָס פיערעל האָט געערדט. דאָס פיערעלע האָט געזונגען. דאָס פיערעלע האָט געצופט ביי דער נשמה. חיים'ס פּנים איז געוואָרען נאָך בלאסער, זיינע גרויסע אויגען — נאָך גרעסער, נאָך שווארצער, זיין באק האָט זיך פעסטער געפּרעסט צום פיערעלע, אקוראט ווי ס'וואלט געוועזן א לעבעדיגער מענש. חיים'ס טענער האָבען זיך ארייננגעגאסען אין אידישע הערצער ווי א נעילה־געזאנג, ווען דער גוף איז מאַט, דאָס הארץ איז וואך, די נשמה איז פול מיט התעוררות, די פארגעהענדיגע זון שיינט אריין אין די אויגען און דער גאנצער מענש ווערט צעשרויפט, צוגאנגען, פארשמאלצען אין ליכט און בענקעניש און געזאנג.

חיים האָט שוין געשפּיעלט אויף חתונות, נאָך שפּעהנער האָט ער געשפּיעלט פאר זיך אליין, אמאל אויף דער נאכט, ווען די שטאָדט איז געשלאָפען, די שטערען האָבען געשיינט, דער הימעל האָט באהאלטען אָהן א שיעור סודות, און אין די קארשען־בוימלעך אויף דער גוי־אישער גאס האָט געקנאקט דער סאָלאָוויי. אידען פלעגען אומיסנע אויפעפענען די פענסטער און הערען, ווי חיים'ס שטומע נשמה רייסט זיך ארויף אין די הויכע הימלען. יונגע לייט פלעגען שטעהן אין די שאָטענס פון די הייזער און האָרכען, און גאפען. חיים איז געוועזן דער פּאָעט, דער געבוירענער קינסטלער. נאָך וואס האָט ער געבענקט אין יענע שטילע נעכט? אפשר נאָך דעם, וואס ער האָט ניט געקענט ארויסזאגען אפילו מיט די טענער פון זיין פיערעל? אפשר נאָך פארבארגענעם ליכט (אור הגנוז) וואס באווייזט זיך נאָר צו די אויסדערוועהלטע פון די אויסדערוועהלטע, איז דאָס נאָר אין זעלטענע הייליגע מינוטען?

מיין שטעדטעל האָט געבענקט נאָך שעהנקייט. געוועזן א חשך'דיג לעבען, מיט בלאָטיגע גאסען, פייכטע הייזער, ליימענע פּאָדלאָגעס, רויכיגע אויבענס, שיך אָהן קאלאָשען, קישען אָהן ציכלעך, א וועטשערע פון ברויט מיט א שטיקעל הערינג. ס'האָט געפייפט דער דלות. מ'איז ניט געוועזן זיכער מיט'ן מאָרגענדיגען טאג.

און אין מיטען אַט דעם וויסטען לעבען האָבען מענשען ארומגע־טראגען א דורשט נאָך שעהנקייט, נאָך ערלעקייט, נאָך פיינקייט. מ'האָט מקנא געווע, די פּריצים ניט פאר זייערע מאינטקעס, נאר פאר זייער בילדונג, פאר דעם שעהנערען לעבען. מ'האָט דערצעהלט גוזמאות פון ניסי בעלזער, פון דעם ווילנער בעל הבית'ל, יאסעלע סאָלאָוויי און סטעמפּעניו, ווייל די מעשיות אליין האָבען אויף א מינוט געמאכט פארגעסען די ארומיגע חשבות. מ'האָט שעה'ן־לאנג געשמועסט פון גרויסע מאהלער, פון זינגער און שפּיעלער, ווייל אפילו אין ריידען איז געווען א שטיק נחמה. מ'האָט פיינט גע־האט ספּיוואַקאָוו דעם משומד — אסתר־ביילע'ס ברודער, וואס האָט אויסגעביטען דאָס רענדעל — און צוליעב וואס? כדי צו ווערען א וואָלאָסטנאָי שרייבער. אבער מ'האָט דערצעהלט נסים וועגען זיין הויף אין באהווע, וועגען זיין מאיאנטעק מיט'ן גארטען, מיט די בלומען, מיט'ן טייך, מיט דער גאנצער רחבות. מ'האָט איהם מקנא געווען פאר זיין שעהנערען לעבען.

די אידען פון מיין שטעדטעל האָבען ליעב געהאַט די נאַטור. א מאָדנע זאך! לעבען זייערע אייגענע הייזער איז זעלטען געווען א בלימעל אדער א ביסעל גראָז, סיידען ס'האָט זיך אמאָל פאר־וואלגערט א בוים, גאָט ווייסט פון וועלכע צייטען. אָבער די אידען האָבען ליעב געהאַט אי בלומען, אי בוימער, אי פעלדער. אליין זיינען זיי געווען אזוי פארטראגען און פאר'טרוד'ט און אזוי ווייט פון ערד־ארבייט, אז ס'איז זיי גאר ניט געקומען אויף דער דעה צו פלאנצען. דערפאר איז מען געגאנגען שפּאצירען אדער לעבען אפּטייק, אדער צום טיקאטש.

די אפּטייק איז געשטאנען ארויף בארג, אויף יענער זייט טאָרהאָוויצע. זי איז געשטאנען אין מיטען א גארטען, און דער גאָרטען איז געווען ארומגעצאמט מיט ווייסע שטאכעטען. אין גאנצען האָט דאָס אויסגעזעהן ווי א גרינער אינזעל אין א גראָהען פעלד און שטויב. אין גארטען זיינען געוואקסען אפילו סאסנעס — א זעלטענהייט אין אונזערע מקומות. געווען דארט סטעזשקעלעך

אויסגעשיט מיט זאמד, געווען אַלערליי קווייטען און געוויקסען. געווען אויך א בעסעדקע (זומער־הייזעל). ניט איין יונג אידיש האַרץ האָט געטיאַכקעט מיט אַ באַהאַלטענער בענקשאַפט, ווען מ'איז פאַרבייגעגאַנגען לעבען די ווייסע שטאַכעטען. אַן אַנדער וועלט, א וועלט פון שעהנקייט.

היינט דער טיקאַטש! דעם נאָמען האָט געטראַגען דער טייך, וואָס רינט לעבען אונזער שטעדטעל. דער טיקאַטש איז ניט אבי וואַסער א טייך. דער טיקאַטש איז א קאַפּריזנער פּאָעט. ער שלינגעלט זיך צווישען סקאַלעס. דאָ איז ער ברייט, דאָ איז ער שמאָל. דאָ איז ער איינגעפּרעסט אין צוויי שטיינערנע טונקעל־בלויע ווענד, אַזוי הויך ווי צעהן הייזער. דאָ לויפט ער אַרויס אויף דער פריי און צעגיסט זיך איבער גרינע פעלדער. אין איין אָרט רוישט ער און שוימט און הודזשעט, אין אַן אַנדערען איז ער אַזוי שטיל און סטאַטעטשנע, ווי א לעמעלע. הינטער מיין שטעד־טעל איז דאָ אַן אָרט, וואו דאָס גאַנצע בעט פון'ם טייך איז אויס־געשפּרייט מיט גרויסע שטיינער. איז דאָרט ניט קיין טייך, נאָר א שורה וואַסער־פאַלען. דאָס וואַסער לויפט שנעל צווישען די שטייענער, רינט אַראָפּ אין טויזענדער ריטשקעלעך, צופּלעטשעט זיך אונטען איבער פלאַכע גרינליכע פליטעס און יאָגט זיך ווייטער מיט מאָדנע מהירות. אין אַן אַנדער אָרט איז כמעט ניטאָ קיין וואַסער. וואו איז אהינגעקומען דער טייך? מסתמא איז ער איינ־געזונקען געוואָרען. פון איין ברעג צום אַנדערען ליגען משופּע'דיגע ברייטע שטיינער, מען קען איבער זיי אַרומגעהן דעם טייך און ניט פאַרנעצען די פיס. נאָך ווייטער הויבט זיך ביים ברעג א הויכע שווערע סקאַלע און וואַרפט א שאָטען אויפ'ן וואַסער. דאָ איז דער טייך אַזוי טיעף, אַז דער בעסטער שווימער קען איהם ניט גרונטעווען. ס'איז אויך געפעהרליך צו שווימען: דאָס וואַסער דרעהט זיך און ווירבעלט. ס'קען איינשלינגען אפילו א שיפעל.

אויבען, ביים ברעג, און ווייטער, אויף די בערגלעך, מיט ניס־בוימער, מיט ווילדע עפּעל־בוימער, וואו עס וואַקסען „קיסליצעס“

(זויערע עפּעלעך), מיט ביהנען און פויגלען, זומער איז א גערע־טעניש אויף פּילעניצעס (סטראָבערים) און קארשען.

ביים טיקאטש האָט דאָס יונגוואַרג פון מיין שטעדטעל גע־שעפּט לופט, שעהנקייט און חיות. ביים טיקאטש האָבען זיך אויס־געוועבט אלע ראָמאַנען.

גבירים און גרויסע למדנים.

אין מיין שטעדטעל איז יעדער איד געווען א באַהאַלטענער פּרינץ. יעדער קבצן האָט געהאט אַ פונק פון א גייסטיגען אריס־טאָקראַט. דאריבער האָט מען ביי אונז געהאט מעהר דרך ארץ פאר חכמה, ווי פאר געלד; עדעלקייט איז ביי אונז געשטאַנען העכער ווי רייכקייט.

ווער איז געווען דער חשוב'סטער איד אין שטעדטעל? ניט דער גביר ר' לייבצי און ניט זיין זון רב בער, וואָס האָט נאָך איהם געפיהרט די גרענדע. מאָלט אייך, רב לייבצי און רב בער זיינען אויך ניט געווען קיין עם הארצים. רב לייבצי האָט אפילו געהאַל־טען א מלמד, וואָס האָט מיט איהם אויף די עלטערע יאָהרען גע־לערנט יעדען טאָג א בלאט גמרא. רב בער איז געווען אַ יודע ספר און זיין שטוב האָט זיך געפיהרט רעכט אידישליך. אָבער ניט רב לייבצי און ניט רב בער זיינען געווען די פּני פון'ם שטעדטעל. קיין כבוד האָט מען זיי, אמת, ניט געזשאַלעוועט, מ'האָט זיי אפילו גע'חנפ'עט אין די אויגען, אָבער מען האָט פאר זיי ניט געהאט דעם אמת'ן אפשיי. מ'האָט פאר זיי מורא געהאט, מ'האָט זיי ניט געוואָלט רייצען, וואָרים מ'האָט צו זיי אַמאָל געדאַרפט אָנ־קוקען, אָבער געאַכט און געשעצט האָט מען זיי ניט. געאַכט און געשעצט האָט מען א פּנחס מאַקארעווער, אַן אברהם אָראַדאָווסקי, אַן אברהם־בער דעם חזן. געאַכט און געשעצט און געליעבט האָט מען זיי דערפאַר, וואָס זיי האָבען געהאט אַ הארץ און א נשמה און א מח, און האָבען ווייניג געטראַכט וועגען עולם הזה.

ס'הייסט, מען קען ניט זאָגען, אַ שטייגער, אַז פּנחס מאַקארע־ווער האָט ניט אין זינען געהאט ד י וועלט. אַ איד אַ מטופל מיט קינדער און ניט קיין רייכער, האָט ער שטענדיג געמוזט טראַכטען וועגען פּרנסה. אין זיין לעבען האָט ער איבערגעפּרופּט אי שניט־קראָם, אי תבואה, אי אנדערע מסחרים. ער האָט זיך אָפּט גע־

דרעהט נאָך אַ הלואה, און יאָהרען לאנג האָט ער זיך ארומגעטראָגען מיט אַ האָפנונג : אויסבויען אַן אייגענע „כאַטע". אָבער דאָס געלד און דער מסחר און די שטוב האָבען פאַר איהם ניט פאַר־שטעלט די גאנצע וועלט און ניט אָנגעפילט זיין נשמה. ער האָט געדענקט, אַז לא על הלחם לבדו יחיה האדם. מען קען אפילו זאָגען, אַז דער עיקר איז ביי איהם געווען אַ בלאַט גמרא, אַ ספר, אַ שאר־פער ענין, אַ שמועס וועגען אַ גוטען אידען. זיין קאָנטאָר איז געווען ניט אין שטוב, נאָר אין בית מדרש. אַז גויים זיינען געקור־מען אין שטאָדט אריין מיט תבואה, האָבען זיי געזוכט „פינקאסען" אין דער אידישער „שקאָלע". אַ פּאָר גויים מיט גרויסע שטיוועל און לאנגע בייטשען פלעגען זיך אריינשטעלען אין בית מדרש פאַר'ן עמוד, זיך טאָפּטשען פון איין פוס אויפ'ן אנדערען און ניט וויסען, צי זאָלען זיי אראָפּנעהמען דאָס היטעל, צי ניט. זיי פלעגען ניט ווילענדיג שטעהן און קוקען אויף פנחס'ן, ווי ער זיצט אין זיין יארמולקע מיט זיין לאנגער באָרד, פארטיעפט אין אַ ספר. אַמאָל פלעגען זיי אַזוי אָפּשטעהן אַ האַלבע שעה און ניט וועלען איבער־רייסען דעם אידען'ס „מאָליטווע". און אַ שם האָט פנחס געהאַט ביי די גויים, אַז וואָס ער זאָגט איז הייליג. אַ קאַטאָוועס — „פינקאס מאקאראָווסקי"! און אַזוי צווישען תורה און מסחור, צווישען בית מדרש און מארק, האָט אַ איד אָפּגעלעבט אַלע זיינע יאָהרען.

טראכט איך אַמאָל וועגען פנחס מאקארעווער, בין איך איהם מקנא. וואו נעמט מען היינט אַזאַ רוהיג געמיט, ווי דער איד האָט פאַרמאָגט. וואו נעמט מען אַזאַ פעסטע ערד אונטער די פיס. פנחס מאקארעווער האָט געלעבט מיט אַלע זיינע חושים. ער איז געווען ווי אַן איינגעוואָרצעלטער שטאַרקער בוים, וואָס קיין שטורעם קען איהם ניט אויסרייסען פון דעם גרונט. נייע צייטען זיינען געקומען ; „בילדונג" האָט זיך אריינגעגנב'עט אין שטע־טעל און געדרעהט אידישע קינדער די קאָפּ ; נייע מענשען האָבען אָנגעהויבען פרעדיגען ניי־מאָדישע געדאנקען ; מ'האָט געפיהלט, אַז דאָס אידישע פאָלק גליטשט זיך ערגעץ, איילט, טראָגט זיך וועך

ווייסט וואוהין. אָבער פנחס מאַקאַרעווער איז געבליבען פעסט. ער האָט נאָר געשמייכעלט קוקענדיג אויפ'ן נייעם. ער איז אפילו ניט געווען אין כעס. ער האָט ניט געשאָלטען. ניין. ער האָט נאָר מבטל געווען אלצדינג. עט! וואָס האָט עס פאַר א ווערטה! עס איז ניט מעהר ווי א פיענע, וואָס האָט זיך באַוויזען אויפ'ן וואַסער. ס'איז ווי א שטויב, וואָס דער ווינד האָט צובלאָזען. די פיענע וועט אַוועק, דאָס וואַסער וועט בלייבען. דער שטויב וועט אַוועקפליהען, די ערד — די הייליגע אידישע ערד — דער יסוד פון'ם אידישען לעבען — די תורה — וועט בלייבען ווי פריהער. פנחס האָט געגלויבט, און דאַריבער איז זיין נשמה געווען רוהיג, זיין געמיט איז געווען לויטער. די זון האָט שטענדיג געשיינט איבער זיין קאָפּ.

פנחס איז ניט געווען פון די שאַרפסטע למדנים. דאַכט זיך, אַז איהם האָט די פּאָעזיע פון דעם לערנען מעהר געצויגען ווי דאָס לערנען אליין. דאַכט זיך, אַז דער אור הגנוז, די באַהאַלטענע שיינקייט פון אידישע ספרים איז איהם געווען א סך טייערער, ווי פלפול. ניט אומזיסט איז ער געווען א חסיד. אָבער פון דעסט־וועגען איז ער געווען א בקי אין ש"ס ופוסקים און האָט זיך געקענט מעסטען מיט א ליאַדע רב. ער האָט געקענט אויסווענינ די דריי בבא'ס: בבא קמא, בבא מציעא און בבא בתרא, און דאָס פלעגט איהם שטאַרק צוניץ קומען אין די לאַנגע ווינטער־נעכט פון פרייטאג אויף שבת.

איך האָב ניט איינמאָל גענעכטיגט אין פנחס מאַקאַרעווער'ס שטוב, און איך ווייס, ווי אַזוי ער האָט געלערנט. פרייטאג צו נאַכט. עס ווערט פינסטער ארום פיער א זייגער. זעקס איז מען שוין געקומען פון'ם דאַווענען און ארום אַכט איז מען שוין לאַנג פאַרטיג מיט'ן עסען. ס'איז וואַרים, ס'איז ריין. די אויגען קלע־פּען זיך. ס'איז מיעד פון א גאַנצען טאָג. קריכט פנחס אריין אין בעט אריין, דעקט זיך צו מיט דער איבערבעט — און רוהט. איז ער אָבער אַן אַלטער מאַן. אָפּגעשלאָפען פינף־זעקס שעה, כאַפּט ער זיך אויף. ס'איז שטאָק נאַכט. ביים געלעגער איז

צוגעגרייט נעגעל־וואסער. ער וואשט זיך אפ די הענד, זעצט זיך אויף אין בעט, רוקט זיך אונטער א קישען הינטער דער פלייצע — און נעמט לערנען גמרא אויף אויסווענינ. די נאכט איז שטיל. די נאכט איז פינסטער. אין שטעדטעל ברענט ניט קיין איינציג ליכטעל. פון די נאהענטע חדרים הערט זיך ראס אטעמען פון דעם הויז־געזינד. דורך די פענסטער קוקט אריין די בלינדע ווינטער־נאכט. אמאל טוט א ווינד א דרעה זיך ארום שטוב און א זינג אין קוימען. פנחס זיצט איינער אליין אין זיין שלאף־צימער און לערנט אויף אויסווענינ. זיכער, פעסט, רוהיג קלינגט זיין שעהנע שטימע. ער לערנט א שעה, און צוויי, און דריי, ביז עס הויבט אן שאריען אויף טאג. דעמאלט ערשט נעהמט ער זיך צום תהלים. ווען דאס הויז־געזינד כאפט זיך אויף אין דער פריה און די שטוב הויבט זיך אן ריהרען, האלט שוין פנחס ווייט, ווייט אין תהלים. ער איז בלאס, אביסעל מיעדליך, אבער די אויגען שיינען... אויף די ליפען א גליקליכער שמייכעל. ער האט געדיענט זיין בורא. ער האט דערפיהלט זיין אייגענע נשמה.

פנחס מאקארעווער האט שטענדיג געהאלטען אין זאגען. געהט ער פון שטוב אין בית מדרש, ברומט ער דערווייל עפעס א שטיקעל תפלה. געהט ער קיין אנטאנאווקע — א צוויי ווארסט פון ב. — האט ער צייט צו זאגען אשרי תמימי דרך. מען קען זאגען, אז קיין איינציגע שעה איז ביי איהם ניט אוועקגעגאנגען אהן תורה אדער תפלה. און דאכט זיך, אז ער האט קיין טאג ניט פארפעהלט אהן צדקה.

פנחס איז געווען אן עוסק בצרכי צבור. ער האט זיך דוקא ניט געמישט אין די ענינים פון גבאות, פון רבנות, פון דינגען א חזן וכדומה אזעלכע קהל'שע געשעפטען. דערפאר האט ער אין זינען געהאט די קבצנים. אונזער שעדטעל איז פול געווען מיט באהאלטענע קבצנים. פאר דער וועלט האט מען געהאלטען א שטוב מיט א בעל הבית'ישקייט, מיט א שטאט — אין אמת'ען האט מען ניט געהאט פון וואס צו לעבען. אט אזוינע בכבוד'יגע ארימע לייט האט פנחס אין זינען געהאט אלע זיינע יאהרען. צוליב זיי

האט ער זיך איינגעגעסען ווי א בייזער שילינגער ביי אלע פאר־מעגליכע בעלי בתים. צו קצבה, פארשטעהט זיך, האט פנחס ניט געוואלט אנקומען, ווייל דארט מוז מען זאגען, ווער עס נעהמט דאס געלד. ווידער איז קצבה באשאפען פאר אפענע קבצנים. פנחס האט אבער געהאלטען זיינע קליענטען בסוד. האט ער גאכאנאנד געזאמעלט געלד ביי אזוינע וואס האבען איהם געגלויבט און ניט געפרעגט קיין שאלות. געווען איז פנחס א איד א געזונטער, א ברייטביינערדיגער, מיט א הדרת פנים. באגעגענט ער א רייכען איידעם, א פארמעגליכען גאסט, אזוי א אידען, וואס פארמאגט א גראשען, טוט ער איהם א קוועטש ביים האנד אזוי, אז עס פליהען איהם פונקען פון די אויגען, און ברומט ארויס נוטמוטיג: — „פאר׳שרפה׳ט זאלסטו ווערען, גיב מיר א נדבה, ס׳איז ממש פקוח נפש“.

און מ׳האט געגעבען. פנחס׳ן האט מען געגעבען, ווייל מ׳האט גע־וואוסט, אז ער איז א פאטער פון א סך אונגליקליכע און געפלאגטע.

פון אן אנדער סארט איז געווען אברהם אראדאווסקי. דאס איז געווען א איד אן אפגעפוצטער, א גרויסער מפונק, אפגעשיידט פון דער וועלט. אין קהל׳שע געשעפטען האט ער זיך בכלל ניט געמישט. אין גאס האט מען איהם זעלטען ווען געזעהן. זיין גרויסע שטוב מיט דעם הויכען גאניק מיט דער גרויסער שניט־קראם האט געקוקט מיט׳ן פנים אין מארק אריין. און שטענדיג איז זי פול געווען מיט מענשען. אבער אברהם אראדאווסקי איז זיך געזעסען אין א באזונדער חדר און געלערנט. כסדר האט ער גע־לערנט. געווען איז ער א למדן מופלג. געהאט א שארפען מח, און זיין פלפול מיט זיינע שעורים זיינען געווען א ציקאוואסט פאר למדנים. וויפיעל איך געדענק איהם, האט ער כסדר געהאלטען פאר א סיום: ענטוועדער א סיום פון א מסכתא אדער א סיום פון גאנץ ש״ס. איך געדענק דאס יאהר, ווען ער האט געפייערט דעם פינף און צוואנציגסטען סיום פון גאנץ ש״ם: עס איז געווען א קהל׳שע שמחה, און קינד און קייט האבען געגאפט.

פאַר אברהם אַראָדאָווסקי האָט די שטאָדט נעהאט דרך ארץ ווי פאַר אַ מלך.

אברהם בער דער חזן, ווידער, איז געווען אַ דאָקטאָר. אַ איד, אַ ווייכער, אַ שטילער ווי אַ טויב, מיט אַ בנעימות'דיג קול, מיט אַ ליבליכען אומעטיגען שמייכעל, האָט ער געהאַלטען רק אין איין געהן פון איין חולה צום צווייטען. איך וויים ניט, צו האָט ער אַ סך געוואוסט אין מעדיצין — מסתמא האָט ער געהאט זועניגער קענטניסען איידער אַ ליאַדע פעלדשער — דערפאַר האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ ווארימקייט און אַ מענשליכקייט און אַ ליעבשאַפט, וואָס פאַר געלד האָט מען זיי גאָר ניט געקענט קויפען. וואָס אָרימער אַ חולה איז געווען, אַלץ אָפטער פלעגט דער חזן איהם באַזוכען און אַלץ לענגער פלעגט ער ביי איהם זיצען. האָט זיך אמאָל געמאַכט אַן עפידעמיע, האָט אברהם בער שוין אפילו ניט גענעכטיגט אין דער היים. פון שטוב צו שטוב, פון בעט צו בעט פלעגט ער וואַנדערען, און וואו ער איז געקומען, האָט ער געבראַכט טרייסט און זיכערהייט און מוט. אברהם בער האָט געוואוסט, ווי צו באַרוהיגען אַן אונגליקליכע מוטער און אריינצוגעבען האָפנונג אַ שווערקראַנקען. ער האָט אויך געוואוסט, ווי צו שטעלען אַ טערמאָמעטער, צולעגען אַ קאָמפּרעס, אויסרייבען מיט עסיג, איינגעבען די איינפאַכסטע רפואות. האָט ער געזעהן, אַז עס איז ערנסט, האָט ער געהייסען רופען אַ דאָקטאָר. און אַז אברהם בער האָט געהייסען, האָט מען געפאָלגט, ניט געפרעגט קיין שאלות.

אַ כלל איז געווען, אַז קיינער האָט אין שטאָדט ניט באַשטעלט קיין רעצעפט, איידער מ'האָט געפרעגט אברהם בער דעם חזן. אברהם בער פלעגט איבערלייענען דעם דאָקטאָר'ס צעטעל און אַרויסגעבען זיין פּסק. און וואָס ער האָט געזאָגט, איז ביי אידען געווען תורת משה.

די אַלע אידען זיינען טויט. און ניטאָ שוין דאָס אמאָליגע שטעדטעל. צוזייט און צושפּרייט איז מען געוואָרען און אויסגעריסען מיט'ן וואָרצעל.

אידישע שמחות.

איז דאָס הארץ פול מיט אומעט, איז דאָס לעבען קאַלט און אָרים, ווילט זיך הערען א ליעב וואָרט און זעהן אַ פרעהליכען שמייכעל — טאָ מאַך זיך אַ שמחה'לע, נעהם צונויף עטליכע חברים און זאָל זיין יום טוב.

אין מיין שטעדטעל האָט יעדערער געוואַרט אויף אַ שמחה. מ'האָט ניט דורכגעלאָזט אַ געלעגענהייט צו פאַרבויגען דאָס קוי־טיגע לעבען. אראָפּגעוואָרפען דעם עול כאָטש אויף איין טאָג, אויף איין שעה. אָפּגעווישט די דאגות. פריי זאָל זיין דער מענש! ליכטיג זאָל זיין אויף דער נשמה!

אין מיין שטעדטעל האָט מען געטאַנצט און געזונגען, דאכט זיך, מעהר ווי אין אַנדערע אידישע שטעדטלעך.

פון אַ חתונה, אַ ברית, אַ בן זכר איז דאַך ניטאָ וואָס צו רעדען. בראַנפען האָט זיך געגאָסען כיד המלך. אידישע אויגען האָבען געבליצט, אידישע פּנים'ער האָבען געשמייכעלט. אָרים און רייך זיינען געזעסען ביי דיזעלביגע טישען און געקוועלט און געשעפּט נחת. אידען האָבען אָבער ניט געוואַרט אויף אַזעלכע זעלטענע שמחות. אידען האָבען זיך צונויפגענומען אַ פראָסטען שבת־צו־נאַכטס און זיך געפרעהט אויף וואָס די וועלט שטעהט

ווינטער.. דער פראָסט ברענט. די פענסטער זיינען אויס־געמאָלט מיט ווייסע קונציגע בלומען. אין שטוב איז וואַרעם. עס ברענט אַ ליכטיג פייער אין אויווען. עס קאָכט זיך אַ גרויסער סאַמאָוואַר, ער שיפּעט שוין און וועט באַלד פּאַרזידען. יונגוואַרג האָט זיך פאַרקליבען אויפ'ן אויווען, מען וואַרימט זיך ביים קוי־מען און מען קוקט מיט ברענענדיגע אויגעלעך אויף די „גרויסע"

ארום טיש. יונגוואַרג פיהלט: היינט וועט זיין פרעהליך. ניט אומזיסט האָט די מאַמע געליהען ביי דער שכנה עטליכע גלעזער, און ניט אומזיסט ברענט דער לאָמפּ היינט ליכטיגער, ווי אַלע אויף דער נאַכט. דערווייל זיינען טאַטע־מאַמע נאָך אַליין. אָבער דאָס האָט מען אָפּגעמאַכט הבדלה. „אַ גוטע וואָך! אַ גוטע וואָך!" עס עפענט זיך די טיר און ס'קומט אריין איין איד, און אַ צווייטער, און אַ דריטער. מ'איז נאָך רוהיג, געלאַסען. מען רעדט פון פרנסה. אַ מאָל טוט איינער אַ מאַך: „טאַ, רבונו של עולם, מען טאָר ניט האָבען קיין טענות". אַ מאָל הערט זיך אַ זיפץ, אַ קרעכץ. אָבער אָט האָט מען שוין ארויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר אויפ'ן טיש. מ'האָט אָנגעגאָסען טהע. דער טאַטע האָט ארויסגענומען פון שאַפקעלע אַ גלעזעל בראָנפען. „לחיים! לחיים!" ס'ווערט וואַרימער. אידען דערפיהלען זיך היימיש. מען ווינשעוועט זיך אַל־דאָס־גוטס. מען דערצעהלט אַ שפּאַס, אַ מילתא דבדיחותא. אין פלעשעל איז באַלד ניט גע־בליבען קיין טראָפּען. אָבער וואָס האָט דאָס פאַר אַ ממשות. איינער פון די אידען טוט אַ וואונק צום עלטערען אינגעל: „ווייסט, וואו דער ווינשענקער וואוינט?" אודאי ווייסט ער, ווער ווייסט דען ניט אין ב., וואו עמיצער וואוינט? „טאָ גע־השע, בחור'ל, ברענג אַ פערטעל עמער ווין — זאָג איהם, ווייסע בראַזשקע, ער ווייסט שוין". דאָס אינגעל פאַרקוועטשט אין דער האַנט די מטבעות און לויפט ארויס אין דער נאַכט אריין. באַלד וועט ער קומען מיט אַ גרויסען „בוטעל" ווין. שפּעטער וועט ער מסתמא דאַרפען לויפען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל — יעדערער פון די געסט וועט „שטעלען" לויט זיין השגה. אין שטוב וועט ווערען אַלע מאָל פרעהליכער. אויפ'ן טיש וועלען זיך באַווייזען די הייסע קאַרטאָפליעס. אַ פאַרע וועט זעצען אַזש ביז דער סטע־ליע. עמיצער וועט שיקען נאָך „דאַרע קישקע" (קאָלבאַס). באַלד וועט מען אָנהויבען זינגען. פריהער אַ טרויעריגס, אַ „מאָראַ־לישע" זאַך, אַ „וואָלך", אַ נגון פון ימים נוראים. שפּעטער וועט

מען איבערגעהן צו א פרעהליכס. רוקענס וועלען זיך אויסגלייכען. הענט וועלען פליעסקען אין טאקט. פיס וועלען זיך הויבען. „הא, וואס זאגסטו, שלמה־יוסף? לעבען זאלען טאקע אונזערע אידען אויף דער וועלט!" — „און איך זאג דיר, אברהם־מרדכי, אז ס'איז זיך ניט כדאי צו זארגען. א כפרה אלצדינג — און חי געלעבט!" הענט פלעכטען זיך מיט הענט, ארעמס קייטלען זיך אין ארעמס, איינער לעגט א האנט אויפ'ן אנדערענס אקסעל — און מען טאנצט שוין.

די קאלטע ווינטער־נאכט איז צוגעפאלען פון דרויסען און קוקט אריין. ס'איז אבער שווער צו קוקען דורכ'ן פארפרוירענעם פענסטער. נאר ביי די ברעגען זיינען געבליבען שמאלע ווינקעלעך, וואו דער פראסט האט ניט דערגרייכט. אויב איהר געהט פארביי אין גאס און דערפיהלט א ווארימען שטראם פון געזאנג, קענט איהר דורך אט די ווינקעלעך אריינקוקען אין שטוב אריין. איהר וועט זעהן א מנין אידען און יונגע לייט, מיט שווארצע לאנגע קאפאטעס, מיט שמוסענע היטלען אויף די קעפ, מיט שווערע שטיוועל אויף די פיס, טאנצענדיג אין ראד. די אויגען שיינען, די פנים'ער זיינען פול מיט פרייד. יא, אמת'ע, קינדערשע, ריינע פרייד. אין מיין שטעדטעל האבען מענשען ליעב געהאט זיך פיהלען ווי קינדער. אבער וואס טויג אייך שטעהן אין דרויסען? קומט אריין אינוועניג, ווער איהר זאלט ניט זיין. מען וועט אייך געבען א ווארימען ברוך הבא. מען וועט אייך אריינגיסען א פאר גלעזלעך „בראזשקע" אדער „ווימאראזעק" אדער „פאנש", מען וועט אייך דערצעהלען א פאר חריפות'ען, וואס עמיצער האט היינט אויפגעטאן — און איהר וועט דערפיהלען, אז בתוך עמי אנכי יושב: פארט א ב.'ער איד. לעבען זאלען אונזערע אידען.

אין מיין שטעדטעל איז געווען א מנהג ש י ק ע ן מ י ט ד י ג ע ס ט. לאמיר זאגען: „הערשעל נחום'ס איז געקומען צום טאטען אויף עטליכע טעג. שבת נאכ'ן דאווענען הויבט מען אן שיקען צו נחום'ען אין שטוב אריין פון כל טוב: וויין און

נים און קוגעל און לעקעך און מאראנצען און ביער, יעדער „פּאָס-לאַנעץ" (שליח) קומט אריין אין שטוב אריין מיט אַ טעצעל אין האַנט. דאָס טעצעל איז איבערגעדעקט מיט אַ טישטיכעל. דער פּאָסלאַנעץ — אַ אינגעלע אָדער אַ מיידעלע — שרייט אויס אויף אַ קול: „מיין מאַמע, שלמה שרה־חיה'ס, שיקט אייך מיט די געסט!" לאה, נחום'ס ווייב, נעהמט צו די מתנות און באדאנקט דעם שליח און זאָגט איהם: „בעט דעם טאַטען ער זאָל קומען בייטאָג". נאָכ'ן עסען הייבען זיך אָן באוויזען די אַלע אידען, וואָס האָבען געשיקט מתנות. „גוט שבת! גוט שבת! גאָט ליעב אייך מיט אייער גאַסט!" — „אַ האַנק! דערלעבען ביי אייך אויף שמחות". מען זעצט זיך אוים. אויפ'ן טיש באווייזען זיך די גוטע זאכען. באלד וועט מען זינגעז אַ נגון. און פון זינגען ביז טאַנצען איז ניט ווייט. יאָ, ביי אונז האָט מען מלחמה גע-האַלטען געגען אומעט און לאַנגווייל. ניט געווען קיין בעסער געוועהר, ווי אַ נגון און אַ טענצעל בחברותא.

אין מיין שטעדטעל האָט מען אַלצדינג געטאָן בחברותא. דאָס שטעדטעל איז געווען ווי איין גרויסע משפחה. דער אמת איז, אַז מ'האָט אפשר גאָר ניט אַזוי ליעב געהאַט איינער דעם צווייטען. מ'האָט דאָך געוואוסט איינער דעם אנדערענ'ס חסרונות, מ'האָט אין די אויגען און הינטער די אויגען אָפּגעלאַכט, אָפּגעשפּעט, אָפּגע'חוזק'ט פון יעדער נאַרישקייט, פון יעדער מענשליכער שוואַכקייט. און וועלכער מענש האָט ניט עפּעס אַ שוואַכקייט? די אידען פון מיין שטעדטעל זיינען ארומגעגאַנגען מיט אָפענע אויגען און האָבען קיינעם ניט געגלויבט אויפ'ן וואָרט; דעריבער האָבען זיי קיינמאָל ניט געהאַלטען פון אַ מענ-שען מעהר ווי עס קומט איהם. אויב זיי האָבען זיך פאַרט גע-פיהלט ווי איין משפחה, איז דאָס דערפאַר, ווייל יעדער איינער האָט מורא געהאַט צו בלייבען אַליין, ווייל, ווי זאָגט דער רוס, „נאַ מירו אי סמערט קראַסנאַ" — צווישען עולם האָט אפילו דער טויט אַ שעהנער פּנים. אידען האָבען זיך געטוליעט איינער

צום אנדערען, ווי קינדער, וואס זיינען געבליבען אליין אין א גרוי־סער מדבר. בחברותא איז קלענער די זארג, גרינגער די משא, העלער די האפנונג אויף א בעסער לעבען. בחברותא האט דער איד זיך געפיהלט ז י כ ע ר ע ר, ווי מיט זיך אליין. דערפאר זיינען נאר די פאר גבירים ביי אונז געווען אפגעזונדערט פון דער עדה. זיי האבען געלעבט ווי הינטער טיר און טויער. זיי זיינען געווען איינער אליין — מיט זייער געלט און זייער שטאלץ און זייערע דאגות. ווען האט געארט צו לייבצי דיזיק האט א גאסט? ווער האט זיך געפרעהט אויף בעריל דיזיק'ס א שמחה? די צוויי גבירים זיינען כמעט געווען מחוץ למחנה. אבער זאל זיך עפעס טרעפען ביי א ש ט ע ד ט ע ל ד י ג ע ן אידען — און די גאנצע עדה וועט זיך פרעהען מיט זיין פרייד און טרויערן מיט זיין טרויער.

אונזערע שמחות תורה'ס וועל איך קיינמאל ניט פארגעסען. אין יענעם טאג איז שוין גאר ניט געווען קיין באזונדערע אידישע הייזער. אלע אידען זיינען געווארען איין פרעהליכע, שטיפערישע געזעלשאפט. אלע הייזער זיינען געווארען נאר איינצעלנע חדרים פון איין גרויסען פאלאץ. די דעק פון דעם פאלאץ איז געווען דער בלויער הימעל. זיין ליכט איז געווען די גאלדענע זון בייטאג און טויזענד לאמטערנעס ביינאכט. אין בית־מדרש, צו הקפות, זיינען געקומען אידען און ווייבער, אינגלעך און מיידלעך. מ'איז געשטאנען קאפ אויף קאפ. מ'איז געווען אלע פארפלייצט מיט א שטראם פון פרייד און גדולה. מ'האט געקושט די תורה און ס'האט זיך אויסגעדאכט: עס שמעקט פון איהר מיט טייערע בשמים. מ'האט געווינשעוועט: „דערלעבט איבער א יאהר", און ס'האט געקלונגען ווי זיסע מוזיק. מ'האט געווארפען אן אויג צו א כלה, א ווייב — איז געווען אין דעם קוק א ליעבשאפט, א גדלות. יונגוואַרג האט זיך געדרעהט צווישען די פיס, געקלעפט צו די עלטערע, געפאכט מיט די פאהנען, עפעס געקוויטשעט מיט קינדערשע הויכע קול'בעלעך, און ס'האט זיך אויסגעדאכט

— איין גרויסע, גרויסע משפּחה פּראווקט עפּעס אָן אונגעוועהנלי־בע שמחה, וואָס טרעפט איינמאָל אין צעהנדליגע יאָהרען. אפשר קרוינט מען אימיצען פאר אַ מלך? אפשר מאכט מען חתונה די געליעבטעסטע פּרינצעסין?

אז מ׳האָט אָפּגעדאַווענט און מ׳איז ארויס פון בית מדרש, איז מען ניט געגאַנגען יעדער איד צו זיך אַהיים. דאָס וואָלט ניט געווען מעשה יום־טוב. מ׳איז געגאַנגען באַפּטעסווייז, צוואַנ־ציג, דרייסיג אידען אינאיינעם. מ׳איז אריינגעגאַנגען אין איין שטוב, אויפגעגעסען, אויסגעטרונקען אלצדינג וואָס ס׳איז געווען אָנגעגרייט — און פון דאָרטען געגאַנגען צו אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער. אין יעדער שטוב האָט מען אויסגעשריגען דעם גרוי־סען „גוט יום טוב!” גאָר אויף דער העכסטער אָקטאַווע, גע־ווינשעוועט דער בעל־הבית׳טע אל־דאָס־גוטס און זיך גענומען צו דער ארבייט. די בעל־הבית׳טע איז ניט שטענדיג געווען צופרי־דען. סטייטש, אַזוי פיעל געגרייט זיך, אַזוי לאַנג געהאָרעוועט, אַזוינע טייערע קראַפּען, צוגעהן זיך ממש אין מויל, אַזוינע וואוילע מאנדלען צו דער יויך, אַזוינע געשמאַקע פראַקעס. דער עולם ווייסט דען, וואָס ער עסט? מ׳האָט דען צייט צו דערפיהלען דעם אמת׳ען טעם? אָבער פונדעסטוועגען האָט זיך יעדע בעל־הבית׳טע געפליסט צו זיין לייטען גליך, און דער עולם האָט גוט געוואוסט, וועלכע אידינע איז אַן אמת׳ע בריה. נאָך דעם פינפטען אָדער זעקסטען אָדער זיבעטען „פּאָגראָם” (אַזוי פלעגען די ווייבער עס רופען) האָט שוין דער עולם וועניגער געגעסען און מעהר אריינגעקוקט אין דער כוס׳ע. אידען זיינען געווען בגילופין. אידען האָבען געלאַכט, ווער ווייסט פון וואָס. אידען האָבען גע־זונגען נגונים, זיך איבערגעהאַקט, ווייטער אָנגעהויבען — און געשמייכעלט ווי אַ קראַנקער נאָך אַ שווערען קריזיס. אידען האָ־בען ערשט אונטער אַ גלעזעל אָנגעהויבען קומען צו זיך. אַ כפרה אלצדינג — און געלעבט זאָל זיין! ווער גלות, וואָס גלות — היינט איז יום־טוב!

שפּעטער אין אבענד האָט מען שוין געטאַנצט אין די גאַ־סען, מ׳האָט אָנגעוואָרען דעם חשבון, וואוהין מען דאַרף געהן. מ׳האָט זיך אויסגעבונדען אין אַ רעדעל, געדרעהט זיך, „געהעפּעט" און געזונגען.

און אַזוי איז געווען שמחת תורה נאָכ׳ן דאַוונען און אַ גאַנצען טאָג. פאַרנאַכט, ווען די זון האָט שוין געפאַרבט אַ זייט הימעל מיט גאָלדענעם פייער, איז מען ערשט געווען אויפ׳ן מאַרק פאַר די קלייטען. מ׳האָט געדאַווענט מנחה בצבור אונטער׳ן פרייען הימעל. אַ איד האָט זיך אַרויפגעקליבען אויף דעם דאַך פון אַ קלייט, אויסגעדרעהט דעם פּנים צו מזרח, דעם רוקען צו דער פאַרגעהענדער זון, און געפּראַוועט חזנות. זיין שול איז געווען דאָס גאַנצע שטעדטעל. זיין עמוד — די בערגלעך און בוימער און פעלדער אויף יענער זייט טייך. פון זיין הויכען שטענדער האָט ער געקענט זעהן די גרינע, בלויע, רויטע און געלע דעכער פון די הייזער. עס ווייט האָט געבלישטשעט דער טייך. דער איד האָט געדאַווענט מנחה. דער עולם אונטען האָט געענטפערט „אמן". באַלד וועט אַריבער די שמחה. באַלד הויבט זיך אָן דער קאַלטער נאַסער אָסיען, מיט די ווינטען, מיט דער בלאָטע. אָבער דערווייל איז יום־טוב. אידען האָבען שטיל און האַרציג באַגלייט אין זיין רוה אַריין דעם שעהנעם טאָג.

עפּעס האָט געזונגען אין האַרצען און שטיל גענאָגט.

עך! ניטאָ אַמאָליגע שמחות.

ווען דער רבי קומט אין שטעדטעל.

פלעגט די זון ווערען בלייכער, פלעגט דער אלול א בלאז טאן מיט קיהלע ווינטלעך, פלעגען שפינוועבס־פאדים זיך אויס־ציהען פון בוים צו בוים — אזוי האבען אידען זיך גענומען גריי־טען אין וועג אריין — פאהרען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

ניט קיין ווייטע נסיעה פון אונזער שטעדטעל. אמאל אז ס'איז קיין באהן ניט געווען, האט פון אונז קיין מאקארעוו טאקע געדויערט עטליכע טעג. מ'איז געפאהרען מיט א בעל עגלה אין א גרויסער בויד. מ'האט זיך פארגרייט מיט עסענווארג. מען האט זיך געוויקט אין רעגען און געטונקט אין בלאטעס. ס'איז געווען דערנאך וואס צו דערצעהלען. איצט פאהרט מען צו מיט דעם בעל עגלה נאר צו דער סטאנציע פאטאש; פון דארטען מיט'ן באהן ביז פאסטאוו (חוואסטאוו רופען עס די אידען פון אונזער שטעדטעל). און פון פאסטאוו ווידער מיט דער פוהר קיין מאקארעוו. דער וועג איז געווארען קירצער. די מצוה פון עולה רגל זיין איז שוין ניט אזוי גרויס, ווייל עס קאסט ניט אזוי פיעל טרחה. אבער פונדעסטוועגען גרייט מען זיך וואכענלאנג צו דער נסיעה. עפעס אזא שטילער ערנסט קוקט ארויס פון די אויגען ביי אונזערען א אידען, ווען ער טראכט ווע־גען פאהרען צום רבי'ן. דאכט זיך אז אויף זיין פנים קענט איהר דערקענען: אט איז א איד, וואס וועט זיך באלד אויסטאן פון זיין וואכעדיגער נשמה, אט איז א איד, וואס טובל'ט זיין הארץ אין ריינע געדאנקען. וואס איז איהם איצט פרנסה? וואס איז איהם די שטוב מיט די דאגות מיט די אלע קלייניגקייטען, וואס עסען זיך איין ווי א זשאווער? ער וועט באלד פאהרען צום רבי'ן. ער וועט עטליכע טעג מעהר ניט הערען נאר תפלות און

תורה און געזאנגען. ער וועט זיך באהעפטען מיט אנדערע אידען אין א הייסען שטראם פון התפעלות. ער וועט לעבען מיט דער נשמה פונ'ם כלל און זיך דערפיהלען ווי איין ליכטעל אין א גרויסער שיינענדיגער מנורה.

עס ווערט קיהלער. די זון איז זעהר ליכטיג, אפשר ליכטיגער ווי זומער. טאקע דעריבער פיהלט זיך נאך שטארקער די געל-קייט פון די בלעטער אויף די בוימער. די לעדיגקייט פון די פעלדער אויף יענער זייט טייך. די נאהענטקייט פון אסיען, עס שפרייט זיך אן אומעט אין דער לופטען. געהט א איד דאווגען צו א שפעטען מנין, באגעגענט ער אין מארק אן אנדער אידען, א חסיד פון דעם זעלביגען רבי'ן. שטעלט מען זיך אפ און מען רעדט פון דער נסיעה קיין מאקארעוו. פיהלט מען זיך ווי צוויי שותפים פון עפעס א גאלדען געשעפט, ווי צוויי פארשווערער אין א באהאלטענער געזעלשאפט. געהט מען שוין ביידע אין בית מדרש אריין, און הויך קלינגט אפ דאס זינגענדיגע דאווגען אין דעם וואכעדיגען לעדיגער בית מדרש. אלצדינג איז נאר אויף דערהוייל. אלצדינג איז נימ וויכטיג. אין עטליכע טעג ארום פ א ה ר ט מ ע ן . . .

און אז דער רבי איז איינמאל אין א יובל אריינגעפאלען אין שטעדטעל אויף א שבת — נו, האט זיך שוין נאר געקעהרט די וועלט.

דער אלטער רב דוד'ל פלעגט ניט פאהרען אויף סביבה, — געוועזן שלא לפי כבודו (ניט נאך זיין כבוד). איז אבער רב דוד'ל נסתלק געווארען און איבערגעלאזט דריי זיהן. איז געוועזן ענג פאר אלע דריי אין מאקארעוו. האט זיך איינער ארויסגעצויגען און געעפענט א הויף אין בארענאווקע, דער אנדערער אין אן אנדער שטאדט. אויפ'ן אלטענ'ם פלאץ איז געבליבען זיין על-טערער זוהן רבי משה מרדכי'לע. די צייטען זיינען געווארען ערגער. דער יונגער עולם איז שוין ניט אזוי אפט געקומען קיין מאקארעוו. די עלטערע האבען ניט געקענט פארגעסען די הויי-

ליגקייט פונ'ם אלטען צדיק. פלעגט שוין רב משה־מרדכי'לע מוזען ארויספאהרען איבער אידישע שטעדט און שטעדטלעך.

פרייטאג פארנאכט. דער רבי זיצט איינגעשפארט אין חדר — אין דער שטוב וואס א איד האט איהם אפגעטראטען איבער שבת. דא איז דער „הויף", דעם רבי'נס הויפט קווארטיר. אהער ציהט זיך קינד און קייט פון אלע גאסען. מען שטעהט אויף די טרעפ, מען שטעהט אין קיך און מען שטרענגט אן די אויערען. דער רבי זיצט ביי זיך איינער אליין און זאגט שיר השירים. הייליג קלינגט אפ יעדעם ווארט. קיילעכדיג פאלט א פסוק נאך א פסוק. אבער ניט די ווערטער כאפט דער פארגאפטער עולם: די ווערטער קען יעדערער אויסווענדיג. מען כאפט דעם נגון, א מאדנעם נגון האט דער רבי. א נגון פול מיט טיעפען טרויער. ניט א שיר השירים, א געזאנג איבער אלע געזאנגען באקומט זיך ביים רבי'ן, נאר א וועה־געשריי, א קלאג ליעד, אנגעזאפט מיט אייביגען צער. די ווערטער זיינען ווערטער פון ליעבע, פון שעהנהייט — דער פאסטוך מיט דער פאסטושקע אויף די בערג פון ציון דערצעהלען איינער דעם אנדערען זייער ליעבעס־פיין. אבער דער פאסטוך איז דאך דער רועה ישראל — דער גאט פון אברהם'ן, יצחק'ן און יעקב'ן; די פאסטושקע איז די כנסת ישראל, פארטריבען איז געווארען די כנסת ישראל פון איהר שעהנעם היים; פארטריבען איז מיט איהר אינאיינעם אין גלות אריין די הייליגע שכינה. זיצט דער רבי און קלאגט על גלות השכינה. איז זיין שטימע — א געשריי פון צער, א שנירעל פון זינגענדיגע קרעכצען, א טענה צו גאט ברוך הוא: ווען וועט שוין קומען די גאולה? רייסט זיך אלע מאל ארויס א ברום ווי דער רוף פון א לייב, א ברום, וואס ברעכט דאס הארץ, שטעהען חסידים אויף די שפיץ פינגער און האבען מורא צו אטעמען. ווערט די פאדער־שטוב ביסלעכווייז פול — מען באלאגערט דעם רבי'נס טיר. מ'קלעפט נעבען די ווענט. מ'איז אנגעשפארט קאפ אויף קאפ, און מען הארכט. מ'האט מורא אנצוועהרען א טאן. דער רבי זינגט שיר השירים —

און הויך אין הימעל אריין שפּאַלט זיך זיין מעכטיגע שטימע און טראָגט מיט זיך דעם צער פון פאָלק.

און אז דער רבי איז פאַרטיג צו געהן אין בית מדרש אריין, געהעט מיט איהם א גרויסער עולם. הויך פערהויבט זיך דעם רבינ׳ס פיגור איבער די ארומיגע אידען. א גבר געווען דער רבי, רב משה־מרדכי׳לע, א איד א ריעז, געשפּאַנט ווי א שררה. געוואָרפען א קוק — ווי אן אמת׳ער מלך. געהט מיט איהם אן עולם אידען — און מ׳איז ארומגעכאַפּט מיט מורא. פון אלע פענסטער לייכטען די שבת־ליכט, דאַכט זיך, פרעהליכער ווי א גאַנץ יאָהר. דער מאַרק איז שטיל, פאַרטאַיעט, האַלב־ליכטיג, האַלב־פינסטער. אויבען שפּרייט זיך א גרינליכער הימעל — איז ער אזוי ווייט היינטיגען אָוועגט, אזוי אבגעשיידט פון אונזער שטעדטעל, איין איינציגער שטערן האָט געפּענט אן אויג, קוקט אראָפּ מיט פאַרוואונדערונג אויף די טונקעלע הייזער, אויף די פינקעלנדיגע ליכטלעך, אויף דעם האַלב־דערשראָקענעם מאַרק, אויף דער מחנה שווארצע פיגורען, וואָס רוקען זיך צום באַלויכטענעם בית המדרש. דאָרט זיינען שוין אָנגעצונדען אלע גרויסע בליץ־לאָמפּען מיט די הענגלייכטער, מיט אלע ליכט אויפ׳ן עמוד. דער בית מדרש איז געפּאַקט, א הייליגקייט ליגט אויף די פּנים׳ער, א פּחד לויערט אין די אויגען, מען וועט דאַווענען מיט׳ן רבי׳ן אין איין בית מדרש — דער רבי אליין וועט דאַווענען פאַר׳ן עמוד.

שטיל ליגט דאָס שטעדטעל. צוגעטוליעט צו דער מוטער ערד האָבען זיך די אידישע הייזער. איינגעוויקעלט האָט זיך די פינסטערניש צווישען הויז און הויז — און אלצדינג אָנגעזאַפּט מיט סוד. דער בית מדרש פלאַקערט אין מיטען דער נאַכט ווי איין גרויסער ווייסער שטיק פייער. דער בית מדרש גלאַנצט ווי א מיליאָן גרויסע בריליאַנטען. דאָרט שטעהט פאַר׳ן עמוד דער רבי און רעדט מיט׳ן פאָטער אין הימעל. דעם רבי׳נס פּנים איז בלייך, דעם רבינ׳ס אויגען זיינען פאַרמאַכט, דעם רבינ׳ס וויהעס

ליגען ווי א שווארצער פאס איבער זיין פנים. דעם רבי'נס ליפען ציטערען, אבער זיין שטים איז פעסט, זיין שטים קען שפאלטען בערג, פון זיין ברוסט רייסען זיך ארויס געשרייען, וואס ציטערען אויף אלעמענס הערצער. דער רבי בעט שוין ניט, דער רבי פאדערט, דער רבי שטראפט דעם כביכול, דער רבי בייזערט זיך. ער קומט אינ'ם נאמען פון דעם פאלק ישראל. ביז וואנען? ביז וואנען? קראפט און שטורם הערט זיך אינ'ם רבינ'ס דאוונען. קראפט און אימפעט און פייער גיסען זיך אין די אידישע נשמות. זיינען אבער די אידען געוואוינט דערצו. זיינען זייערע נשמות פול מיט אומרוה. דאכט זיך זיי, ווי עמיצער, א שטארקער וואלט זיי ארויפגענומען אויף גרויסע פליגעל, און געפלויגען אלץ העכער און העכער. ס'שווינדעלט פאר די אויגען, ס'טיאכקעט דאס הארץ, ס'גיסט זיך די קאלטע כוואליע איבער די רוקענס, עס ציטערען די קניע, מ'האט זיך מורא א ריהר צו טאן, מ'וויל ניט קוקען אראפ, און דאך איז עפעס זיס. א הימעלשער תענוג וויקעלט ארום די הערצער. מען הויבט זיך, מען פליהט העכער, העכער, העכער...

דערפאר אז דער רבי ענדיגט דאס דאוונען, זיינען אלע ווי משוגע פאר פרייד. אקוראט ווי ער האט זיך אויסגעבאדען אין דעם וואסער פון יוגענד. אלטע אידען שעהמען זיך ניט אונטערצושפרינגען ווי אינגלעך, געזעצטע בעלי בתים לאכען און שטיפען גאר ניט לויט זייער מצב. אלעמען איז געווארען גרינג. אלע זיינען בגלופין. מען דארף געהן אהיים, מאכען קידוש, פראווען שבת. אבער ווער מיר אהיים, וואס מיר שבת? מען דארף לויפען צום רבי'ן, מען דארף פארכאפען א שטיקעל שיריים; מען וועט זיך שלאגען פאר א לאקש ווי אמת'ע קונדסים, מען וועט זיך אלע צונויפוויקלען אין איין לעבעדיגען קנויל, מען וועט האבען שכור'ע אויגען — שכורים ולא מיין — און מען וועט לאכען, לאכען, לאכען. באלד וועט זיך אנהויבען דאס זינגען. ס'איז דא, ברוך השם, געגוג יונגע לייט אין ב., וואס קענען זינגען. דער רבי וועט „געבען א טאן", דער עולם

וועט אונטערכאפּען. די שמחה וועט אלעמען אונטערהויבען פון די ערטער, ס'וועט ווערען א פליעסקעריי, א טופּעריי. א איד האלט זיך שוין, „פּאד באקאם”, אויפגעהויבען דעם קאפּ צום באל־קען, אויסגעשטעלט ממזריש דאס בערדעל אויף פּארענט, און טערגעהויבען דעם שפּיץ פון זיין אפּגעפּוצטען שטיוועל — און באלד לאזט ער זיך אין א דריבנינקע טענצעל. זאל אייך ניט ארען, וואס ער טאנצט א קאזאק, די נשמה איז ביי איהם א אידישע, און די שמחה איז ריין־אידיש. נאך איהם וועט זיך לאזען א צווייטער חסיד, נאך איהם א דריטער. אך טי, רבונו, של עולם! אוים דאגות, א כפּרה די וועלט, לעבען זאל דער רבי, טאנץ, הוליע, פרעה זיך, טאנץ, טאנץ, שטארקער, לעבעדיגער!...
ביז שפּעט אין דער נאכט וועט דער רבי פּראווען זיין סעודה.

און זונטאג אין דער פריה וועט דער רבי אנהויבען ארומ־געהן איבער די הייזער. פון שטוב צו שטוב וועט מיט איהם געהן אן עולם חסידים, מקורבים. מ'וועט אריינגעהן אין א שטוב, דער טיש וועט זיין צוגעדעקט מיט א קלאר־ווייסען טישטוך, די קינדער וועלען זיין אויסגעפּוצט, ווי אויף יום טוב; דערוואק־סענע מיידלעך וועט מען פארדעקען די קעפּ מיט פּאטשיילקעלעך, וואס וועלען באהאלטען א טייל פון זייער פּנים; דער רבי טאר ניט זעהן קיין מיידעלשע געזיכטער. טאטע־מאמע וועלען שטעהן ווי פאר'ן קיסר. דער רבי וועט זיך אוועקזעצען ביים טיש, מ'וועט איהם דערלאנגען דאס „קוויטעל”, ער וועט עם איבער־לייענען — און קרעכצען. אי, קען דער רבי קרעכצען! — אי, רייסט זיך א ברום ארוים פון זיין הארצען — מיט וועהטאג, מיט בלומ. מסתמא האבען חסידים איהם ליעב געהאט דערפאר. ניט אלע האבען געגלויבט אין רבי'ן אבער אלעמען האט הנאה גע־טאן, וואס ס'איז דא א זיפצער. איין איד פון אלע אידען טוט קיין אנדער זאך ניט, נאר ער זיפצט און קרעכצעט פאר'ן כלל. זיין עובדה איז — הערען אלעמענס פארלאנגען, וויסען אלע־מענס ליידען און מיט אלעמען מיטפיהלען, אלעמען טרייסטען, אלעמען זאגען א גוט ווארט פון גלויבען און מוט. „גאט וועט

העלפען, גאָט וועט העלפען". אידישע הערצער זיינען גרינגער געוואָרען, ווען מ'האָט געהערט די בשורה.

און ווען דער רבי איז ענדליך אוועקגעפאָהרען פונ'ם שטעדטעל, האָט ער ארויסגעפיהרט זיבען הונדערט קארבען.

זיצט משה חיים'ס, דער אפיקורס, און איז ברוגז. „דאָס שטעדטעל — זאָגט ער — איז אָרים; דאָס שטעדטעל איז פול מיט קבצנים, א איד קאָכט פון זיך אוים די וואסער, ביז ער קריגט א פינף און צוואנציגער אויף א וואך צייט. צעהנדליגע אידען וואָלטען געקענט האָבען פרנסה, ווען זיי קריגען א הלואה פאר א יאריד. פון אָט די זיבען הונדערט קערבלעך וואָלט מען געקענט מאכען א קאסע, א גמילות חסד, וואו יעדער איד וואָלט געפונען הילף, ס'וואָלט אין גאנצען שטעדטעל ליכטיגער געווארען אין די אויגען, און דאָ קומט איין מענש און בארויבעוועט די קבצנים, ס'איז א נארישקייט און א חלול השם."

קוקט אידעל מאלעמענט, דער באקאליי-קרעמער, מיט זיינע קליינע קלוגע אויגעלעך און ענטפערט שמייכלענדיג:

— אי, משה'ניו, ביזטו א שוטה. דאָס וואָס דער רבי האָט געגעבען דעם שטעדטעל, איז ווערט מעהר ווי זיבען הונדערט שמארבאוואָנצעס. מען קען עס גאר ניט אפשאצען בכל הון דעלמא (מיט יעדען רייכקייט אין דער וועלט). און ווען דו פרעגסט אונזערע אידען, וואָס ווילען זיי בעסער, א גמילות חסד צי דעם רבי'ן אויף שבת, וועלען זיי ניט איבערטראכטען און וועלען דעם רבי'ן. וואָרים געלט איז בלאָטע, דער עיקר, איז די נשמה, דער עיקר איז די נשמה יתירה.

און נאָך לאנג נאָכ'ן רבי'נס אוועקפאָהר האָט די שכינה גערוהט אין שטעדטעל.

אָ יאריד אין אַ אוקראינער שטעדטעל.

שבת צו נאַכט. אין אידישע הייזער איז ליכטיג. ס׳ברע־נען לאַמפּען און עס ברענט אַ פייער אין יעדען אויווען. מען קאַכט מלוה מלכה. אַבער הינטער׳ן שטעדטעל איז פינסטער. קוים אַנצוזעהן דעם ווייכען שליאַך, וואָס ציהט זיך צווישען אָפּ־געשניטענע פעלדער. ס׳איז ימים־טובים־צייט. און די נעכט ווערען אלעמאָל שווארצע.

אויף די שליאַכען פאָהרען גוי׳שע וואגענער, איינגעשפּאנט מיט פערד אָדער מיט אָקסען. מען פאָהרט אויפ׳ן מאָרגעדיגען יאריד. מען פיהרט קרויט און בוריקעס און תבואה און אויבס. מען פיהרט ליימענע טעפּ. מען קומט פון ווייטע דערפער און מען וויל פארכאַפּען אַ גוטען פלאַץ אויפ׳ן מארק, דעריבער איז מען ארויסגעפאָהרען באַצייטענס. אַ גאנצע נאַכט וועלען זיך ציהען גוי׳שע פוהרען איבער אלע וועגען, וואָס געהען צו אונזער שטעדטעל. ס׳וועט נאָך זיין פינסטער, ווען לאַנגע שורות וואָגענס וועלען שוין זיין אויסגעשטעלט איבער׳ן מארק מיט די האָלאָבליעס ארויף, כדי ניט צו פארנעהמען צופיעל אָרט.

און וועט די זון אויפגעהן זונטאָג אין דער פריה, וועט זי ניט דערקענען דאָס שטעדטעל.

מיין שטעדטעל קאָכט און רוישט און פילדערט, ווי אין אמת׳ער דור הפלגה. אין איין זייט מארק ליגען בערג מיט הויפּטלעך קרויט, — גרינליך־ווייסע, גרויסע, זאפטיגע, כאָטש ביים זיך אריין אין זיי, אביסעל ווייטער, הויבען זיך קופּעס טונ־קעל־גרינע קאַווענעס, אַזוינע שווערע, אַז אַ שוואַכער איד וועט זיי קוים אויפהויבען. אין אַן אנדער ווינקעל ליגען הויפענס

עפּעל — ווייסע, רויטע, געלע, גרויסע און גאָר קליינע, זיסע, זויערע און „קיסליצעס”, ווילדע האַרטע עפּעלעך, וואָס מען שטעלט פון זיי קוואס. ווייטער געהט אַ סדרה מעהרען, פּאַס־טערנאַק, געטריקענטע קוקורוזעס, אַרבעס, פאַסאָליעס. אויף די וועגען האַלטען די גוים זעק מיט ווייץ, קאָרן, הרעטשקע, האָבער, גערשטען. דאָס אַלץ האָבען זיי אַראָפּגענומען פון זייערע פעלדער און גערטנער און האָבען עס געבראַכט אהער, כדי אויסצובייטען אויף נויטיגע סחורות. זיי זיינען געקומען אין שטעדטעל, כדי דער איד זאָל ביי זיי אָפּקויפען די פרוכט פון זייער אַרבייט און זיי פאַרקויפען די קליידער און די כלים און די געצייגען און די נאַשערייען, וואָס זיי קענען אין דאָרף ניט קריגען. דער איד, פאַרשטעהט זיך, האָט שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף זיי און זיך מכין געווען צום יום טוב פון מסחר. אָט שטעהען די באָנדאַרעס מיט הונדערטע פעסלעך, דיישקעס, עמערס און צעבערס — אַלצ־דינג ניי, גלאַט איבערגעהובעלט און אַזוי ריין און ציכטיג אין דער קלאָרער זון. ס'איז דאָ גאָר גרויסע דיישקעס — קאַרובעס — מיט שטאַרקע אייזערנע רייפען און מיט גראָבע קלעפּקעס און ס'איז דאָ קליינע חנ'עוודיגע פעסעלעך מיט הילצערנע רייפען — פון ברוינע לישטשינע, און ס'איז דאָ ווייסע זשלוט־קעס, וואָס זיינען געמאַכט פון איין אויסגעהוילטען קלאָץ גאָר אָהן אַ דנאָ. אביסעל ווייטער האָבען זיך אויסגעשטעלט די בלעכער — מיט זייערע גרינע און בלויע עמערס, ווייסע שימע־רירענדיגע קוואָרטען, אייזערנע פאַנען, ריבאייזענס, לעפעל. די שטעלען פון די בלעכער גלאַנצען און בליאַסקען אין דער זון, אַז עס בלענדט אַזש דאָס אויג. העכער אַרויף באַרג שטעהען די שטעלמאַכערס מיט זייערע רעדער, אָקסען, וועגען, דראָבינעס, קלעצלעך. נעהענטער צו די קלייטען האָבען די קירזשנער אויפ־געשטעלט זייערע שטעלען — גאַנצע בערג מיט היטלען, שוואַרצע, גרינליכע און בלויליכע, וואָוילע פאָרמענע קאַשקעטען, מיט גלאַנ־ציגע דאַשקעס, מיט פעסט אָנצעצויגענע ווערכען, מיט וויסיפּקעס און אַלע ניי־מאָדנע קונצען — אַ שגץ וועט אָנטאָן, וועט ער

אויסזעהן אן אמת'ער כוואט, עס ליגען אויך שמויסענע היטלען, שווארצע און גרויע — ס'געהט דאך ווינטער. לעבען זיי האבען די שוסטערס זיך ארויסגערוקט מיט זייער גוטס — שטיוועל מיט לאנגע כאליאוועס, צונויפגעצויגען ווי קאטערינקעס, שטיוועל מיט אייזערנע פאדקאוועס, מיט מעשענע שטיפטען; רויטע שטיוועל פאר שיקסעס. די שורות שטיוועל האבען א פנים ווי סאלדאטען, וואס האבען זיך אויסגעשטעלט צום פאראד. ווייטער אין א לאנגער צייל אנטקעגען די קלייטען — זיינען יסגע־וואקסען די שטעלען פון די שניט־קרעמער, זעהען זיי אויס ווי עפעס מאדנע פיעל־קאלירענדיגע געצעלטען אין א מזרח־לאנד. עס הענגען פאסען קומאטש, רויט ווי פייער: עס הענגען טיכער פאר גוי'עס — שווארצע מיט רויטע קווייטען, רויטע מיט געלע קווייטען, פאמסענע מיט אלערליי אוזארען — עס רייסט אזש די אויגען. עס ליגען „שטיקלעך" זאנע און לייווענט און נאמיטקע און סיטץ — סיטץ פון אלערליי פארבען און אלערליי סארטען — א שפיעל פון קווייטען, א גלוסטונג פאר די אויגען פון די שיקסעס און גוי'עס. עס זיצען ווייבער מיט גאר קליינע שטעלכלעך, וואו מען קריגט נאדלען און פאדים און בליטשקע און פינגערהויטען און טאשמעלעך און דרעטלעך. היינט די סטענגעס! אי, סטענ־געס! ווי די פאהנען פון זיעגרייכע ארמייען פלאטערען זיי אויף די הויכע שטעקענס, וואו די קרעמער האבען זיי אנגעטשעפעט; סטענגעס ברייטע און שמאלע, זיידענע, אטלעסנע, סאמעטענע, פון איין קאליר און פון עטליכע קאלירען, גלאטע און מיט אוזא־רען, פערפוצונגען, פערציערונגען, סטייגעס ווי גרויסע בינטלעך בלומען, סטייגעס ווי א פרעהליכער גרוס פאר אלע דארפישע קראסאוויצעס: קומט, היינט איז אייער טאג! ניט ווייט איז א שטעל מיט קארעלען, מיט פינגערלאך, קייטלאך, מעסערלאך, בראשקעס, אוירינגלאך — פון בלעך און פון געבלאזענע גלאז, פון מעש און פון „קאמפאזיציע" און פון וואס איהר ווילט אויף דער וועלט. אבער אט דעם סארט סחורה וועט איהר גיכער קריגען ביי די „קאצאפעס". קיין שום יאריד באגעהט זיך ניט

אַהן עטליכע קאַצאַפּעס. זיי זיינען רוסען פון „טיעף־ראַסייע", זיי ריידען ניט אויף גוי'איש (כאָכלאַצקע שפּראַך), נאָר אויף קאַצאַפּעניש (עכט־רוסיש), זיי זיינען פלינקע סוחרים און דורכ־געטריבענע יונגען. זייער סחורה לעגען זיי אויס אויף דער ערד, אויף אַזוינע גראָבע לייווענטענע ליילעכער (רעדנעס). ביי איין זייט איז דער ליילעך אָפען, פון די איבעריגע דריי זייטען איז ער אַרומגעצאַמט מיט לייווענטענע ווענטעלאַך. אַנטקעגען דער אָפע־נער זייט שטופען זיך גויים און יונגע שקצים: עס ציהען זיי די מעסערלאַך, מיט די ליולקעס מיט די צלמ'לעך, וואָס ליגען אויפ'ן ליילעך. טייערע צלמ'לעך! יונגע שקצים קענען ניט גובר זיין דעם יצר הרע, פּרופען הינטערווייליעכטס צו לטח'נען אַ צלמ'ל, כאַפּט זיי דער קאַצאַפּ אָדער די קאַצאַפּקע ביי דער האַנד, פליהען פעטש מיט קללות — און ס'איז אַ שמחה. ניט ווייט פון די קאַ־צאַפּעס שטעהט געוועהנליך דער גוי'אישער טעפּער מיט זיין אייגענס: ערדענע טעפּ, מאַקרעטעס, שיסלען און שיסעלאַך, קריגלען און באַנקעס און ראַנדלעך און לאָקשען־טעפּלאַך. די שיסלען זיינען אינוויינינג געלייסטע, מיט שעהנע קווייטען. איי־ניגע זיינען גלאַטע, אַנדערע מיט „פינגער". ביי טעפּער הערט זיך אַ געקלינגעריי: קונים פּרובען אויס די כלים.

אַרויף אַ באַרג איז די „טאַרהאָוויצע" — דער פערד־מאַרק. דאָ האַנדלען דריי פעלקער — אידען, גוים, ציגיינער. די אידען זיינען נאָר די פאַרמיטלער: די אידישע „ליוועראַנטען" (פערד־הענדלער) האָבען ניט קיין סך פערד; זיי מעקלערען נאָר צווי־שען איין גוי און דעם צווייטען, צווישען קויפער און פאַרקויפער. די ציגיינער ברענגען אויפ'ן מאַרק זייערע אייגענע, געקויפטע און גע'גנב'עטע פערד, און דער מסחר קאָכט. דער גוי טאַפּט דאָס פערדעל פון אַלע זייטען, באַטראַכט די קאָפּיטעס, קוקט אַריין אין די צייהן, פּרובט דאָס פערדעל אין שפּאַן, פּרופט עס רייטענדיג און האַלט זיך אין איין דינגען. מען שווערט זיך, מען קלאַפּט זיך איבער די הענד, מען שווערט זיך ווייטער, מען רעדט ניין מאָס רייד און מען פּאַטשט זיך ווידער איבער די הענד.

דער פערד־מארק איז פול מיט א הירזשען, א טופען, א קנאַקען פון בייטשען.

דאָס שטעדטעל קאָכט. דאָס שטעדטעל הודזשעט ווי א ביהנשטאָק. יעדער איד איז פּאַרנומען. אפילו מלמדים האָבען אויף א ווײַלע פאַרלאָזט די חדרים און ארויס אין גאס — גלאַט אזוי: א טאַפּ טאָן, א שמעק טאָן. אידען שטעהען אין די קראַמען און די אַרבייט ברענט אונטער די הענד: מען דינגט זיך ביז הייזעריג ווערען, מען לויבט די סחורה ביז'ן הימעל, מען נעהמט געלט, מען מעסט סחורה און מען שרייט צו א טאָכטער, א בחור'ל: „ווי גאַט איז דיר ליעב, וואַרף אויגען, מען קען אונז נאָך בדיל הדל מאַכען!" אידען לויפען ארום פון וואָגען צו וואָגען, שטעקען אריין א האַנד, דינגען זיך איבער א זאק תבואה, א קעלבעל, א הוהן, א טוץ אייער. אידען כאַפּען די שליאַכטיטשעס, די אָרימע פּריצים'לאַך, וואָס דרעהען זיך ארום איבער'ן מארק אין הויכע שטיוועל און געוואַנטענע גראָהע לייבלעך: די שליאַכטיטשעס האַלטען זיך פאַר גרויסע אדונים, ריידען פּויליש און זיינען געבראָטענע שוטים; א איד קען זיי פאַרדרעהען און צוריק אויסדרעהען, און מען לעקט ביי זיי אָפּ א ביינדעל. ס'איז א האַרמידער, א טאַראַראַם, הימעל עפען זיך! אלע פּנים'ער זיינען פאַרפלאַמט, אלע הענד פאַרנומען, די היטלען פאַררוקט אויף דער פּאַטילניצע, דער שוויים רינט פון די שטערענס. אידען, גוים, שיקסעס, קעלבער, אָקסען, וואָגענס, סחורות — אלץ האָט זיך איבערגעמישט אין איין גרויסע געדיכטע רוישענדיגע מאַסע. אַלצדינג לעבט און ריהרט זיך.

גויים קומען אויפ'ן יאַריד ניט נאָר קויפען און פאַרקויפען. ביי זיי איז דער יאַריד אן אמת'ער יום טוב. ער פאַרבייט ביי זיי א קלוב, א באָל, א מאַסקאַראַד. מען קומט אין שטעדטעל אן עס טאָן, א טרונק טאָן, א הוליע טאָן. גוי'עס זיצען אין שורות אויף דער ערד און פאַרקויפען שיסעלאַך מיט געקעכטס. גויים קויפען דאָס קאַלטע עסען, נעהמען ארויס פון דער כאַליעווע א פלאַש בראַנפען און לאָזען זיך וואויל געהן אין מיטען גאס. אַנ־

רערע געהען אין די שענקען, אין טהעע־הייזער, אין איינפאַהרען, אין די היימען פון באַקאַנטע אידען: אַ מעטום קריגען זיי בולקעס און טהעע און בראַנפען און בייגעל און אנדערע גוטע זאַכען. פּאַרנאַכט־צו איז שוין יעדער גוי בגלופין: אין קעשענע קלינגען די פּאָר קערבלעך; אין מח קלינגט דאָס ביסעל בראַנפען. ס'איז לעבעדיג, פרעהליך, היימלעך. גויים קושען זיך, האלזען זיך, דערצעהלען זיך אָהן אַ שיעור מעשיות, קלאָגען זיך און וויינען מיט ביטערע טרערען. איינציגע ליגען שוין אין מארק און קענען ניט ריהרען מיט אַן עבר. די ווייבער שלעפּען זיי אויף די וועגען, שילטען מיט טויטע קללות; די גויים מורמלען עפּעס גוטמוטיג — און ווערען באַלד אנשלאָפען.

ס'ווערט שוין לעדיגלאַך אין מארק. מ'האָט שוין אָנגעצונ־רען די ערשטע לאָמפּען. פוהרען ציהען זיך פונ'ם שטעדטעל צום בריק צו. ביי די קאָוואַליעס איז נאָך דאָ אַ סך ארבייט: מען קאָוועט אונטער די פערד; מען קויפט פּאַדקאָוועס און לאָוועס און שקוואָרינעס און אייזערנע פּלעקלעך פאַר די וועגען. אָבער אין שטאָדט איז די ארבייט שוין כמעט געענדיגט. אידען הויבען אָן צונויפלעגען די סחורה. מען צעהלט דעם פּדיון. מען שאָ־קעלט מיט'ן קאָפּ און מ'איז צופריעדען: אַ טאָג פון מחיה; אַ דאַנק און לויב זיין ליעבען נאָמען. באַלד וועט מען געהן אהיים: זיך אפּרוהען, כאַפּען אַ לעפעל געקעכטס נאָך אַ שווערען טאָג ארבייט.

ס'איז שוין פינסטער. אינ'ם לעדיגען מארק הערט זיך נאָך דאָס געזאַנג פון איינצעלנע פּארבליבענע פּויערים. אָבער דער יאריד איז געענדיגט. נאָר הויפענס שטרוי באצייכענען די פּלע־צער וואו די סחורה איז געלעגען. מאָרגען וועט זיין אַ רחבות פאַר די ציגען.

אויפ'ן שטעדטעל לאָזט זיך אראָפּ די פינסטערע אָסיען־נאַכט און ווישט אָפּ די לעצטע שטימען. באַלד וועט אָרקע דער שומר אָנהויבען קלאַפּען אין זיין קאַלאַקאָטקע.

מיין שטעדטעל לערנט זיך!

מיט יאָהרען צוריק, ווען אונזערע טאַטעס זיינען נאָך געווען יונגע לייט, האָט זיך פאַרלאָפען די מעשה מיט זלמן זוואָניצקי. זלמן זוואָניצקי איז געווען א יונגער מאַן א לערנער, פון א בכבוד׳ער משפחה. ער האָט געהאַט א ווייב מיט א קינד און האָט זיך שוין געזאָלט נעהמען צו געשעפט, ווי עס פאַסט פאַר אַ בעל הבית׳על. האָט ער זיך פלוצלונג אויפגעהויבען און געמאַכט א ויברח. שפּעטער איז מען געוואָהר געוואָרען, אז ער האָט זיך אוועקגעלאָזט שטודירען. „שטודירען? מיט וואָס עסט מען דאָס?" — האָט דער ב.׳ער איד געפרעגט און, ווי זיין שטייגער איז, מבטל געווען דעם גאַנצען ענין. „עט! אויך מיר א געשעפט!" אז ס׳איז אָבער אוועקגעגאַנגען עטליכע יאָהר און זלמן האָט געענדיגט דעם אוניווערסיטעט און זיך באַזעצט אין אומאַן אלס אדוואָקאַט און אָנגעהויבען מאַכען געלד, האָט שוין דער ב.׳ער איד גענרמען קוקען אויף איהם מיט אַנדערע אויגען. זלמן זוואָניצקי איז דוקא ניט געווען פון די אידעאַליסטען, די קולטור־טרעגער. ער האָט, ריידענדיג אויף אַמעריקאַניש, געמיינט ב י ז נ ע ס. ער האָט אין גיכען באַקומען א גרויסע פּראַקטיק און האָט געהאַט א נאָמען צווישען אדוואָקאַטען. פון מיין שטעדטעל קיין אומאַן איז סך הכל דרייסיג וויאָרסט. אידען פאָהרען היין און צוריק כמעט יעדען טאָג. נו, האָט מען זיך דערצעהלט חדושים פון זלמן׳ס לעבען. א ווערטעל סאַלאָמאָן זוואָניצקי! צו איהם קומען דאָך פּריצים. טשינאָווניקעס וואַרטען ביי איהם אין פאָרהויז און סמייען ניט אַריינגעהן אָהן א דאָקלאַד. דער איספּראַווניק אַליין קומט צו איהם אויף אַ וויזיט און פאַרנויגט זיך מיט דרך ארץ. היינט זיין הויז מיט די טייערע שפּאַלירען אויף די ווענד, מיט די גע־

מאַחלטע סופיטען, מיט די קונציגע קאַכעלנע הרובעס, מיט די שעהנע זייגערס, מיט די משרתים, מיט די לאַקייען. הייגט זיין שפּאַן — אַ פּאָר ברענענדיגע סוסים מיט אַ לייכטען פּאַיעטאָנדעל, ווי אַ שפּילכעל, מיט אַ קוטשער אַ מזיק! און גלאַט זיין אַסאַבע, זיין שטעל — אַ גובערנאַטאָר, אַ קניאַז! איהר שפּיעלט זיך מיט זלמן זוואַניצקי! פאַר איהם האָט דאָך אפילו דער אַקרוזשנאַי סוד (קרייז־געריכט) דעם גרעסטען דרך ארץ. אַז זלמן נעהמט זידלען דעם פּראָקוראָר און לעגט אין איהם אַריין וואָס אין דער קאָרט, שווייגט נעבאָך יענער ווי אַ קעצעלע, וואָרים זלמן'ס צונג איז שאַרף ווי אַ חלף. ער איז טאַקע אַ גרויסער זאַקאָניק אויך — אַ חריף אין אַלע געזעצען מיט סיפים מיט סיגים מיט דריידלאַך, מיט שפּיצלאַך, מיט אויבער־המציאות: ער קען דעם בעסטען סודיא (ריכטער) פאַרדרעהען דעם מח. אַזוי האָט דאָס שטעד־טעל דערצעהלט מעשיות וועגען זלמן זוואַניצקי. אַזוי האָט דער־צעהלט בפּרטות זיין ברודער דוד — אַ שטעדטעלדיגער איד פון „אונזערע" אידען, וואָס זיין ווייב האָט געהאַלטען אַ שניט־קראָם און אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען מיט'ן שטעקעלע און זיך געמישט אין קהל'שע געשעפטען. אויף אָט דעם דוד'ן איז געלעגען דער גלאַנץ פון זיין ברודער — דעם קנאַקער. ס'איז ידוע לכל, אַז איינמאָל אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען האָט זיך דוד זוואַניצקי אויסגעגאַלט אַ שטיקעל באָרד אויף דער געמבע, אַזוי גרויס ווי אַ קופּערנער צעהנער, די באַקען־בערד האָט ער זיך צוקעמט אין דער ברייט, וואָס דאָס האָט איהם געגעבען די צורה פון אַ געוועזענעם ניקאָלאַיעווסקען אונטער־אָפיציער, און אַליין האָט ער אָנגעהויבען בראָקען רוסיש. פון וואַנען האָט זיך צו איהם גענומען רוסיש? איז דער תירוץ: אַז מען האָט אַ ברודער אַן אַדוואָקאַט — ווערט מען אויך נהנה מזיו השכינה. אַ פאַקט איז, אַז דוד זוואַניצקי האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען מאַכער, אַ ידען אין אַלערליי וועלטליכע זאַכען. ער האָט אפילו ביי זיך אין שטוב איינגעפיהרט אַ פּיאַנאַ, און חנה'לע, זיין טעכטערל, האָט זיך איבער איהר גע־דראַפּעט, ווי אַ קאַץ איבער'ן צימבעל.

דאָס אַלץ באַווייזט, ווי גרויס דאָס שטעדטעל האָט געהאַלטען זלמן זוואַניצקי׳ן. אונזערע אידען האָבען דאָ באַשיינפּערליך גע־זעהן, אַז אונזערער אַ יונגערמאַן, אַ קבצן בן קבצן, קען, דורך זיין מח און מיט דער הילף פון גוי׳אישע ביכלאַך, זיך דערשלאָגען און ווערען אַ מענש. אמת, זלמן איז ניט געווען קיין פרומער. איך בין אַפילו ניט זיכער, אַז ער פלעגט געהן דאַווענען ראש השנה און יום כפור. מ׳האָט יאָקבי יאָ דערצעהלט מעשיות, ווי אַזוי ער פאָהרט־צו מיט׳ן פאַיעטאָן צו דער שוהל אינמיטען יום כפור, טוט אָן אויף דעם האַלז אַ מין ווייס זיידען שאַלכעל — אַ דייטשער טלית, משטיינס געזאָגט, פאַרברייענגט אַ האַלבע שעה אויבען־אָן צווישען די פרומסטע אידען, לאָזט זיך אויפרופען צו דער תורה און איז מנדר אַ שעהנע מטבעה, כדי טאַקע באַלד אַוועקצופאָהרען אין אַ גוי׳אישען רעסטאָראַן און אָפּעסען אַ פעטען מאַהלצייט דוקא מיט אַ געבראָטען חזיר׳ל און מיט שאַמפּאַניער. אָבער איהר וועט ניט זיין קיין אַפּיקורת, אויב איהר וועט רעכענען, אַז דאָס איז אַ גוזמא. דער אמת איז, אַז פון אַזוינעם ווי זלמן זוואַניצקי האָט דאָס שטעדטעל אַפילו ניט געריכט זיך אויף פרומקייט. דאַרויף איז ער דאָך עפּעס אַ פּריסיאַזשני פּאָווערעני, אַ מעורב עם הבריות, אַ מאַכער אין די הויכע פענסטער, אַז ער זאָל זיין פריי פון די „זשידאָווסקי זאַבאַבאָנעס" (אַזוי האָבען די אידען גערופען זייערע אייגענע מנהגים ; די שפּראַך האָבען זיי געבאָרגט ביי די גויים). אונזערער אַ איד האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ דאָקטאָר, אַן אַפּ־טייקער אָדער אַן אַנדער „געקאָנטשעטער" קען ניט טראָגען אויף זיך דעם עול פון די תרי״ג מצוות. אפשר צוליעב דעם האָט מען טאַקע אויך מקנא געווען אַזאַ אידען ווי זוואַניצקי : אי לעבען לעבט ער ווי אַ גראַף, אי פון דער תורה איז ער פטור. אַ ב.׳ער איד וואָלט זיך מסתמא ניט מודה געווען, אַז ער האָט אַזוינע געדאַנקען, אָבער ניט איינער האָט זיך געטראַכט שטילערהייט : „הלואי אויף מיין זוהן אַזאַ לעבען".

דאָס שטעדטעלדיגע יונגוואַרג האָט אָבער נעהאָט וועניג דרך ארץ פאַר זלמן זוואַניצקי. אויף אונז האָט אַלטער שלמה־מרדכי׳ס

געמאכט א סך א טיעפערען איינדרוס. אלטער שלמה־מרדכי׳ס האט געלערנט וויסענשאפט ניט צוליעב א דיפלאם און נים צוליעב א פאיעטאן מיט פיער פערד, נאר לשמה, צוליעב דעם פייער, וואס איז באהאלטען אין ריינעם וויסען. אלטער שלמה־מרדכי׳ס איז לכתחילה געווען אן עלוי, א מתמיד. ער פלעגט טעג און נעכט אפזיצען איבער דער גמרא און פסוקים. געהאט אזא שארפען מוח, אז אלטע לערנער פלעגען גאפען. זיינע שאלות און זיינע דרושים האט מען ארומגעטראגען איבער׳ן שטעדטעל און געלעקט פון זיי די פינגער. ווען אלטער האט ביי זיך אפגעמאכט לערנען רוסיש, האט ער זיך מישב געווען: וואס טויג איהם לעהר־ביכער מיט מעשה׳לאך פאר קינדער מיט די אלע נארישע זאכען? וואס איז דען אייגענטליך א שפראך? זי איז א זאמלונג פון ווערטער. פארוואס קען ער, אלטער, ניט פארשטעהן א רוסישען בוך? ווייל ער ווייסט ניט דעם פירוש המלות. נו, האט ער גענומען א רוסיש־אידישען ווערטער־בוך (ליפשיץ׳עס סלאוואר) און אויסגע׳חזר׳ט אלע ווערטער פון אנהויב ביז׳ן סוף. און אזוי האט ער זיך אויס־געלעהרענט רוסיש.

די שפראך האט אלטער געהארפט האבען, כדי צו לייענען וויסענשאפטליכע ביכער. אויף העברעאיש האט ער געהאט גע־לייענט דעם מורה נבוכים מיט דעם כוזרי מיט אנדערע חקירה־ספרים, וואס ער האט נאר געקענט באקומען אין אונזער שטעד־טעל. דאס האט אין איהם אויפגעוועקט אן אינטערעס צו פילאזא־פישע פראגען. געווען איז ער א ברענענדגיער חקרן, א גריבלער, א מענש מיט א שטארקען חוש פאר אבסטראקטע אידעען. זיין מוטער האט דערצעהלט מיין מוטער, אז איינמאל, ווען ער האט געהאלטען אין ענדיגען דאס דאווענען, האט ער זיך פארקוקט אין א ספר. דעם של ראש האט ער שוין געהאט אויסגעטאן און דער של יד איז געבליבען אויף זיין ארעם. האט ער זיך אזוי פארטיעפט אין דעם ענין, אז ער האט פארגעסען וואו ער איז אויף דער וועלט. מיט איין פוס אויף דער ערד, מיט׳ן אנדערען אויף א בענקעל און מיט האלבע־אויסגעטאנענע תפלין, איז ער אזוי אפגעשטאנען פון

אין דער פריה ביז פארנאכט און ניט געוואוסט וואס מיט איהם טוט זיך. די מוטער איז אוועקגעגאנגען אין מארק, זיך געזאמט א לאנגע צייט, געקומען צוריק, און ער איז נאך אלץ געשטאנען איבער'ן ספר. ער האט שוין אפילו ניט געלייענט. ער איז געשטאנען און עפעס טיעף געקלעהרט, אזוי טיעף, אז ער האט פארגעסען פון דער גאנצער וועלט. ווען מ'האט איהם סוף כל סוף אויפגעטשוכעט, איז ער געוועזן ווי נאך א חלום.

אלטער שלמה־מרדכי'ס איז נאכדעם אוועקגעפאהרען קיין אדעס, פארבראכט דארט עטליכע יאהר, זיך געדרעהט צווישען געלעהרנטע מענשען, ווידער געקומען צוריק אין שטעדטעל, אבער ווען איהר וואלט געפרעגט א ב.'ער אידען, וואלט ער אייך געזאגט, אז קיין תכלית איז פון אלטער'ן ניט געווארען. מ'שטיינס געזאגט, אלע זיינע יאהרען געגעבען אוראקעס, ארומגעגאנגען מיט אויסגעטראטענע שיך און אפגעריבענע ארבעל — און קיין דאקטאר אדער אפילו קיין אפטייקער איז ער ניט געווארען. דער אמת איז, אז אלטער שלמה־מרדכי'ס איז געוועזן צופיעל אריינגעטאן אין ערגסטע גייסטיגע פראגען, אז ער זאל זיך קענען שפיעלען מיט אטעסטאטען. גרייטען זיך צום עקזאמען — דאס הייסט דאך ווערען א קינד, לערנען די אלע קליינינקייטען, וואס א אינגעל פון פערצעהן אדער פופצעהן יאהר איז מחויב צו לערנען. פאר אלטער שלמה־מרדכי'ס איז דאס געוועזן אונמעגליך. איז ער געבליבען ניט אהין, ניט אהער — ווי אן אמת'ער פילאזאף. די חיי העולם הזה האט ביי איהם קיין ווערטה ניט געהאט אנטקעגען די אייביגע פראגען פון דעם מענשען'ס געדאנק.

אבער, ווי געזאגט, מיר, יונגווארג, האבען פאר אט דעם שוויינעדיגען פילאזאף געהאט דעם גרעסטען אבשיי. ער איז געווען פונקט דער היפוך פון זלמן זוואניצקי. אין אונזערע אויגען איז ער געוועזן דער אמת'ער טרוימער, דער דענקער, דער גייסטיגער אריסטאקראט. זיין לערנען האט ער ניט אויסגעביטען אויף קליינע רענדלאך. האט עס ביי אונז געהאט א סך א גרעסערען

ווערט, אײדער זוואַניצקי׳ס דיפּלאָמען. אַלטער שלמה־מרדכי׳ס איז פאַרבליבען אַן אַלטער בחור — און ניט אײנמאָל האָט זײַן מאַמע זיך באַקלאָגט אין אונזער שטוב, אַז ס׳טײַטש, ער שוואַרצט איהר דאָס פּנים, מען טײַטעלט אויף איהר מיט די פינגער: וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אַ בחור פון פערציג יאָהר זאָל נאָך אַלץ נימי טראַכטען וועגען אַ שדוך? אָבער מיר, יונגוואַרג, האָבען דערפאַר איהם געשעצט נאָך העכער: אַ מענש איז אָפּגעשיידט פון אַלע וואָכעדיגע אינטערעסען, אַ מענש לעבט מיט הויכער נשמה.

זלמן זוואַניצקי און אַלטער שלמה־מרדכי׳ס האָבען געוויזען אונזער שטעדטעל אַ וועג. מיר דאַכט זיך ס׳איז ניט געווען קײן אײנציג בחור׳ל אין אונזער שטעדטעל, וואָס האָט ניט געטראַכט וועגען שטודירען.

בילדונג! וויסענשאַפט! אַ קורס פון עטליכע קלאַסען! ווי צויבער־ווערטער האָט דאָס געקלונגען אין די אויערען פון דער יוגענד. ווי אַ ליכטיגער צוזאָג האָט דאָס געגלעט און גערופען. וויסענשאַפט און בילדונג האָבען געעפענט די אויגען, געלײַטערט די נשמה, באַהעפט דעם מענשען מיט דער משפחה פון דיכטער, דענקער, פאָרשער פון אַלע לענדער. וויסענשאַפט און בילדונג האָבען אָנגעצונדען אַ גרויסען פאַקעל און געפיהרט די מענשהײט מעבדות לחרות, פון דער פינסטער אין אַן אויסדערוועהלטען לאַנד. אין יענע יאָהרען האָבען מיר נאָך געגלויבט אין וויסענשאַפט און בילדונג ווי אין די גרעסטע דערלײזער. אונז האָט זיך געדאַכט, אַז קוים וועלען מענשען ווערען געבילדעטער, פאַרשטענדליכער, אויפגעקלעהרטער, וועט די ערד ווערען אַ גן עדן... גאָלדענע טרוי־מען! נאַרישע טרוימען!

אָבער נאָך אַן אַנדער זאַך האָט אונז געטריבען צו בילדונג. געלעבט האָבען מיר אין אָרימקײט, אין דחקות. אפילו די בעלי־בית׳שע קינדער, די זיהן פון פאַרמעגליכע אידען, האָבען געהאַט נאָר אײן אויסזיכט: ווערען דאָס אײגענע, וואָס זײערע טאַטעס

— האנדלען מיט תבואה, עפענען א קראם, זיך דרעהען ארום וואק־זאל, מעקלערן ביי פריצים, פאהרען אויף ירידים. דער איינציגער וועג צו פערלאזען דעם אייגענעם קלאס און זיך אויפהויבען אויף א העכערע מדרגה איז געוועזן בילדונג — און טאקע אן אטעסטאט. ווער עס האלט אויס אויף פיער קלאסען, קען ווערען א פראוויזאר; ווער ס'האלט אויס אויף א דאמאשני אוטשיטעל (הויז־לעהרער), קען עפענען א שול; ווער ס'האלט אויס אויף זעקס קלאסען, קען ווערען א צייהן־דאקטאר; ווער ס'האלט אויס א פולנע קורס — 8 קלאסען — קען געהן אין אוניווערזיטעט, אנטאן א פארמע, שטודירען אויף דאקטאר, אדוואקאט, כעמיקער, וואס איהר ווילט אין דער וועלט. א פראוויזאר, א צייהן־דאקטאר, א יוריסט זיינען שוין אבער א ר י ס ט א ק ר א ט ע ן. זיי זיינען גלייך מיט די קריסטען. זיי זיינען חשובים. מיט זיי רעכענט זיך אפילו נאטשאלסטווא. פאר זיי האט מען דרך ארץ. זיי זיינען שוין ניט קיין בערקא אדער שמערקא אדער חאיקע. אט דאס ארויפקלעטערען אויף א העכערען שטאפעל האט געהאט ביי אונזער יוגענד דעם גרעסטען ווערטה. מיר, אידען, האבען דאך ניט געהאט אונזער געבוירענעם אדעל, אונזער בעאמטענטום, אונזערע פריווילעגירטע קלאסען. ביי די קריסטען איז א זוהן פון א דוואריאנין (אדעליגער) געבליבען א דוואריאנין, צי ער האט געשטודירט אין גימנאזיע, צי ניט. ביי די קריסטען איז א זוהן פון א בעאמטען אדער א גלח געוועזן א בכבוד'יגער מענש, צי ער האט איבערגענומען זיין פאטער'ס פראפעסיע צי ניט. ביי אונז איז א זוהן פון א רב אדער א דין געוועזן אן ארימער פראסטער מאשקע, סיידען ער האט זיך דערשלאגען צו א דיפלאם. ביי אונז האט אפילו א רייכער יונגער סוחר געהאט א פנים פון חוזק, סיידען ער האט געקענט ריידען רוסיש און האט געהאט וועלטליכע בילדונג. ערשט ווען א איד האט געהאט אן אטעסטאט און א אינטעליגענטע פראפעסיע, האט ער אויפגעהערט זיין דער וויסטער שטעדטעלדיגער גלות־איד.

נו, האט מען זיך געלערנט. נו, האט מען פון זיך געבויגען די

קלעי. טאטע־מאמע האבען קינדרוויז ניט געקענט שיקען אין גימ־נאזיעס. קיין לעהרער האט מען אויך ניט געקענט האלטען. ווער האט דען געטראכט פון אזוינע זאכען? האט מען שוין דערוואק־סענערהייט געדארפט אניאגען אלצדינג. נו, האט מען דאס גע־הארעוועט! האט מען דאס געזוברעוועט! האט דאס אפגעקאסט מיה און מארך און הארצוועהטאג!

די געשיכטע פון אונזערע ע ק ס ט ע ר נ ע ס איז אן אמת׳ע געשיכטע פון מארטירער.

מאַרטירער פון בילדונג.

אויף פאַרשידענע וועגען איז די "בילדונג" אַנגעקומען אין אונזער שטעדטעל. און געווען איז זי ווי א פאַרשלעפּטע קרענק: קוים האָט זי אַנגעריהרט א אידישע נשמה, איז פאַרפאַלען אויף אייביג.

אמאָל איז דאָס געווען א העברעאיש ביכעל. ניט געווען קיין ביבליאָטעק אין אונזער שטעדטעל. ניט געווען אפילו קיין שטענדיגער מוכר ספרים. איינמאָל אין עטליכע חדשים פלעגט אריינפאַלען א ספרים־הענדלער מיט זייןביידעל פון אומאַן אָדער פון זוועניגאָראָדקע. פלעגען חברה זיך צונויפלעגען און קויפען וואָס ס'האָט זיך געטראָפען. אנדערע האָבען אפילו א ו י ס ג ע ש ר י־ב ע ן אידישע ביכער פון ווארשא אָדער ווילנא — דורך דער פּאָסט. פלעגט צו אונז אריינפאַלען א "האסיף", א "כנסת ישראל", שפּעטער א "לוח אחיאסף" — האָט מען אזוי לאנג געלייענט, ביז מען האָט זיי שיער ניט געקענט אויף אויסווענינג. אין שטעדטעל האָבען זיך אויך ארומגעדרעהט אַלטע "השחר'ס", אַלטע "הבוקר אור'ס", די ווערק פון גאָטלאָבער'ן, די ווערק פון יהודה ליב גאָרדאָן, פרץ סמאָלענסקין, ראובן־אשר ברוידעס; געווען נאָך עלטערע ביכער — פון יצחק בער לעווינזאָהן; געווען א תנ"ך מיט'ן ביאור און מיט א דייטשער איבערזעצונג. ביי איינעם פון די יונגע לייט האָבען זיך פאַרוואַלגערט עטליכע אַלטע נומערען פון'ם "המגיד". די זשורנאַלען און ביכער זיינען קיינמאָל ניט געלעגען לעדיג: חברה האָט געשמאַק געלייענט — און פון דעם לייענען האָט זיך ערוואַכט א בענקשאַפט נאָך אַן אנדער וועלט, נאָך א ברייטערען וויסען, נאָך א מענשליכען לעבען.

דאכט זיך, געהמט אזא ביכעל ווי "אהבת ציון". ניט געווען

דאַרט קיין שום אפיקורסות. געווען אַ ליעבע פריינדליכע שילדע־רונג פון'ם אַלטען אידישען לעבען אין דעם לאַנד פון די אבות. געווען אַ אידישער פּאַרצייטיגער ראָמאַן אַנגעשמעקט מיט דעם ריח פון לבנון און דעם טהוי פון חרמון. אָבער ס'איז גאָר ניט אָפּצושאַצען וואָס פאַר אַ ראָלע דאָס האָט געשפּיעלט אין אונזער גייסטיגען לעבען. ווער ס'האָט איינמאָל איבערגעלייענט דאָס ביכעל, איז שוין אויף אייביג קראַנק געוואָרען מיט אַ בענקשאַפט נאָך עפּעס שענערס. איז איהם שוין מיאוס געוואָרען דאָס שטעד־טעל, מיט דער בלאָטע, מיט די מסחרים, מיט די שטעלען, מיט די בתי תפלה, מיט דעם גאַנצען טומעל, מיט דער גאַנצער אָרימקייט. האָט זיך איהם שוין געחלום'ט אַ וועלט, וואו מענשען זיינען ריין און ערעל, וואו די שפּראַך איז געפּערעלט, די נשמות זיינען ווייס ווי שניי און דאָס לעבען איז עפּעס אַ הייליגער יום־טוב. האָט ער זיך גענומען צו בילדונג — ווייל אין איהר האָט ער געזעהן דעם צויבער־שליסעל, וואָס עפענט יענע וואונדערבאַרע וועלט.

אמאָל האָט די באַצילע פון בילדונג איהם אַנגעריהרט אויף אַ נסיעה. אַ יונגערמאַן פאָהרט קיין אומאַן — דאַכט זיך, גאָר אַ קלייניגקייט, סך הכל דרייסיג ווערסט פון אונזער שטעדטעל. קומט ער אַהין און דערזעהט אַ נייע מדינה. גלייכע, ריינע, גע־פּלאַסטערטע גאַסען; אויףביידע זייטען — שורות הייזער, גע־בויט מיט אַ פּלאַן און מיט געשמאַק; פאַר יעדען הויז — אַ גאָר־טען; אין די גערטנער — בלומען און וואַזאָנעס און חדוש'דיגע בוימער, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט אַז ס'קען אַזוינס געמאָלט זיין אויף גאָט'ס ערד. מענשען געהען אַריין און אַרויס פון די הייזער — לייכט־געקליידעטע, ציכטיגע, גראַציעזע מענ־שען. שטעהט אונזער ב.'ער און פּיהלט די לעפישקייט פון זיין כאַלאַט און די גראָבקייט פון די שיך, וואָס דער רויטער שוסטער האָט איהם אויפגענעהט אויף פסח, און די אומגעלומפּערטקייט פון זיין גאַנצען הולך. דערפּיהלט ער, אַז ער טראָגט אויפ'ן קאָפּ אַן אַכט־קאַנטיג היטעל מיט אַ קנעפּעל פון אויבען; אַז זיין מאַ־נישקע און דאָס שניפּסעל האָט אַ פּנים פון חוזק, און אַז ער אַליין איז

אַ קליינשטעטעלדיגער לעקיש, וואָס ווייסט ניט פון דאַגען אַהין. טוט ער טאַקע אויפ׳ן שטעל אַ נדר, אַז ווי נאָר ער קומט אַהיים, וועט ער אַלצדינג „פריסירען״ (אוועגוואַרפען) און זיך נעהמען בילדען, שטודירען, ווערען אַ מענש. אַי וואָס ׳סאיז שווער? וואַי וואָס ס׳וועט דויערען יאָהרען? דערפאַר האָט אונזער ב.׳ער ניט קיין מורא. דאַרויף איז ער דאָך אַן עקשן. צוריק רעדענדיג: וואָס ווערט ער אָן? פאַרקויפען הערינג איז קיינמאָל ניט שפּעט. אַ קנעלונג זוכען — אודאי ניט.

אָבער קיין זאַך האָט אזוי ניט אָנגעצונדען די פאַנטאַזיע פון אונזער ב.׳ער יונגע־לייטלאַך, ווי דער ביישפּיעל פון זייערע אייגענע חברים. איך האָב דערמאָנט זלמן זוואַניצקי און אַלטער שלמה־מרדכי׳ס. איז אָבער זלמן שוין געווען אַן עלטערער מענש — ניט פון אונזער צייט, און אַלטער איז געבליבען הענגען צווישען ערד און הימעל. נאָר אַן אַנדער געשיכטע איז געווען משה חיים׳ס. משה איז געווען אַ א ו נ ז ע ר י ג ע ר, פון אונזער דור. זיי פאָטער, חיים פנחס׳עס, איז געווען פון די „קאָרעננאָיע„ ב.׳ער בעלי־בתים. אמת, ער האָט ניט שטענדיג געוואוינט אין שטעדטעל: ער איז געווען אַ סלוזשיטעל (שאַפער) אין רב לייבצי׳ס וועלדער און האָט פריהער געלעבט אין איוואַנקער „זאַ־פּוסט״, נאָכדעם אין וואָלינער גובערניע, נאָכדעם עטליכע וויאָרסט פון פיאַטיהאָר. אָבער אַלע וואָך אָדער אַלע צוויי — דריי וואָכען פלעגט ער קומען אויף זונטאָג קיין ב., און דאָס שטעדטעל האָט איהם גערעכענט פאַר אַן אייגענעם מענשען. מ׳האָט געקענט זיין ווייב און זיינע קינדער אויסגעבונדען, און ער איז געווען פונקט אַזאַ ב.׳ער תושב, ווי זיין ברודער אָדער די הוקאַילעס אָדער אברהם קאָרעצקי.

אָט דעם חיים׳ס זוהן, משה, האָט זיך פלוצלונג מישב געווען און אויסגעהאַלטען עקזאַמען אויף אַכט קלאַסען און טאַקע באַלד אריין אין אוניווערזיטעט — און אָנגעקומען אין שטעדטעל אריין מיט אַ בלוי סטודענטיש היטעל און מיט גאָלדענע קנעפּ. וואָס דער־

פאלט האט זיך אפגעטאן אין אונזער שטעדטעל, איז אין לשער. ב. איז ממש געגאנגען אויף רעדלאך.

מיט משה חיים'ס איז די מעשה געווען אזוי. ער איז שוין געווען א בחור'ל פון א יאהר איין און צוואנציג — ניט קיין גרויסער פארשוין, ניט אי־אי־אי; גלאט אזוי זיך א בחור'ל, וואס קען אביסעל לייענען און שרייבען רוסיש. אז זיין טאטען האט אנגעהויבען געהן מיט דער פוטער אראפ, איז ער אוועק פון דער היים און זיך פארדונגען פאר א מלמד אין א דארף צעהן וויארסט פונ'ם שטעדטעל. דער ערשטער בעל הבית זיינער איז געווען ברוך שאטאליא, א איד א קרעמער, וואס האט געהאט צוויי בחורים־לאך און צוויי מיידלעך מיט לאנגע נעזלעך און פרנסה בשפע. משה'ן האט מען געצאהלט צעהן קערבלעך א חודש מיט עסען, דערפאר האט ער פון אינדערפריה ביז נאכט געדארפט זיצען און קנעלען מיט די קינדער, לערנען זיי חומש און רש"י און תנ"ך און שרייבען אידיש און רוסיש און דייטש און אלצדינג, וואס ער קען נאר. אמאל אונטער א חגא האט ער געדארפט אינטערהעלפען אין קראם אויך. אזוי האט ער זיך אפגעוואלגערט עטליכע זמן אין פארשיעדענע דערפער, אפגעשטאנען דעם פריזיוו, געווארען א חתן — טאקע פאר א ב.'ער מיידעל — פאר פייגע יהושע פרידערקע'ס. מ'האט געהאט איינגעלעגט נדן אויף א נייעמאדישען שטייגער, —ביים פאסטמייסטער אין סבערעגאטעלני (שפארקאסע), און די חתונה האט געזאלט זיין שבת נאך שבועות. פלוצים שפארט זיך אונזער בחור איין, אז ער וויל אפלאזען דעם שידוך, ווייל ער האט באשלאסען זיך גרייטען צום עקזאמען און קען זיך ניט פארבינדען. ביז ער וועט אויסהאלטען, זאגט ער, וועט געדויערען עטליכע יאהר, וויל ער אויף זיך דערווייל קיין עול ניט נעהמען. ער וויל זיין א פרייער פויגעל.

ווי קומט משה חיים'ס צום געדאנק וועגען עקזאמען? איז דאס אויך א טשיקאווע מעשה. בשעת ער האט געקנעלט אין איינעם פון די דערפער, איז ער קראנק געווארען און מ'האט איהם אפגעפיהרט אין נאהענטען שטעדטעל. דארט האט ער זיך אפ־

געוואַלגערט עטליכע וואָכען, ביז ער איז געקומען צו זיך. געהיילט האָט איהם אַ יונגער אידישער דאָקטאָר, אָקאָרשט אָנגעקומען פון קאַזאַן, — אַ טייערער יונגערמאַן, אַ מענש אַ דימענט. דער דאָקטאָר האָט בכלל ניט געבלאָזען פון זיך און האָט זיך באַפריינדעט מיט משה חיים'ס. מסתמא האָט ער דערקענט, אַז דער בחור האָט אַ גוטען קאָפּ, ווארים ער זאָגט איהם איינמאָל האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט: „וואָס וואַלגערט זיך ארום אַזאַ בחור ווי איהר? פאַרוואָס פּרופט איהר ניט לערנען?" ווערט משה חיים'ס מטושטש און פרעגט: „וואָס הייסט לערנען? ענטפערט איהם דער דאָקטאָר: „איך מיין לערנען אַ גימנאַזיטשעסקע קורס — און נאָכדעם געהן צום עקזאַמען". זאָגט משה: „סטייטש? ווי איז דאָס מעגליך אָהן אַ גימנאַזיע און אָהן אַ לעהרער?" לאַכט ער דאָקטאָר און זאָגט, אַז דער בער איז ניט אַזוי שרעקליך, ווי מען מאָלט איהם: ער, דער דאָקטאָר, איז אויך קיינמאָל אין גימנאַזיע ניט געווען, ער האָט זיך צוגעגרייט איינער אַליין און האָט אויסגעהאַלטען זעהר פיין; אויב משה וויל, קען ער אָפּטאַנצען די גאַנצע חתונה אין צוויי—דריי יאָהר.

ווען אונזער בחור האָט דאָס דערהערט, איז דאָס געווען, ווי אַ קויל האָט איהם דורכגענומען. ער האָט זיך טאַקע אויפ'ן שטעל דערפרעגט, וואָסערע ביכלעך מען דאַרף זיך קויפען און וואָסערע „פּרעדמעטען" (געגענשטאַנדען) מען דאַרף שטודירען, און נאָך די וואָך האָט ער באַשלאָסען אָפּשיקען די תנאים און זיך זעצען לערנען.

ווי נאָר דער זמן האָט זיך געענדיגט, האָט ער זיך אַריינגעקליבען אין שטעדטעל — דאָס איז געווען אין וואָלינער גובערניע — און האָט זיך גענומען גרייטען צום עקזאַמען. פּרנסה האָט ער געהאַט פון אוראָקעס. ס'האָבען זיך געפונען שטעדטעלדיגע אידען, וואָס האָבען געוואָלט לערנען זייערע קינדער און האָבען זיך איינגעשטעלט צאָהלען דריי קערבלעך אַ חודש. אמת, דעם אַלטען לעהרער שמואל'ן פלעגט מען צאָהלען סך הכל פינף און זיבעציג קאָפּיקעס פאַר אַ גאַנצען זמן, אָבער שמואל האָט ניט געלערנט

מיט יעדען קינד באזונדער; ער פלעגט זיי צונויפטרייבען א צוואנציג—דרייסיג אין איין חדר, ווי שאף אין א שטאל, און זיי לערנען שרייבען א שעה אין טאג. משה חיים'ס האט אבער צו־געזאגט לערנען מיט יעדען קינד באזונדער — און נישט נאר לער־נען שרייבען, נאר טאקע גראמאטיקע, מיט געאגראפיע, מיט היס־טאריע, מיט אריפמעטיק, מיט אלע זיבעציג חכמות. נו, האט ער טאקע באלד באקומען א נאמען, און לערנענדיג מיט אלערליי תלמידים זיעבען שעה א טאג, האט ער געמאכט פון אכטצעהן ביז צוואנציג רובעל א חדוש, וואס דאס איז געווען גענוג אויפ'ן לעבען. די איבעריגע אכט שעה א טאג האט ער זיך געגרייט צום עקזאמען.

ס'איז געווען קאטארזשנע ארבייט. דריי יאהר האט דער בחור אפגעפויקט פופצעהן שעה א טאג, זומער און ווינטער, אין די גרעסטע היצען און אין די גרעסטע קעלטען; זיעבען שעה מיט די תלמידים, אכט שעה מיט זיך אליין. עס איז א וואונדער וואס ער איז נישט געפאלען אונטער דער משא. אבער די ב.'ער זייען עקשנים. נעמען זיי זיך עפעס אריין אין קאפ אריין, מעג דונערען און בליצען: זיי וועלען טאן זייערס. משה חיים'ס האט אפגע־ארבייט דריי יאהר נאכאנאנד, פופצעהן שעה אין טאג אויפ'ן זייגער. ווען ער האט אנגעהויבען, איז ער געווען א רויה אינגעל: קוים געקענט לייענען און שרייבען רוסיש, געהאט א קנאפע השגה אין אריפמעטיקע און נאך א קנאפערע אין געשיכטע. א גימנא־זיסטעל פון צווייטען קלאס האט אודאי געוואוסט מעהר פון איהם. ווען ער האט געענדיגט די דריי יאהר, איז ער געווען א געבילדע־טער מענש: געקענט נישט נאר דעם גאנצען קורס פון אכט קלאסען גימנאזיע מיט לאטיין און גריכיש, נאר אויך געהאט א פיינע ידיעה אין דער נייער רוסישער ליטעראטור, געהאט געלייענט אי דאר־ווינ'ען, אי ספענסער'ן, אי מילל'ן, אי אנדערע ווערק איבער גע־זעלשאפטליכע פראגען. זיין עקזאמען איז עפעס גאר געווען א מעשה פון טויזענד און איין נאכט: די לעהרער (אין בעלאצער־קאווער גימנאזיע) האבען געזאגט, אז ער קען נישט ערגער פאר זיי; דער דירעקטאר האט זיך מיט איהם ארומגעטראגען ווי מיט אן

אבן טוב; מ׳האט איהם אנגעשטעלט א גוזמא פיאטארקעס (פינפען), ער האט באקומען אן ערשט־קלאסיגען אטעסטאט, און טאקע דעם סוף זומער האט מען איהם ארייגנגענומען פאר א סטו־דענט אין קיעווער אוניווערזיטעט.

געווען איז ער דעמאלט ארים, „הויל ווי א קאטויל״, און האט ניט געהאט מיט וואס צו באצאהלען אין אוניווערזיטעט דאס ערשטע שכר למוד. טאקע צוליעב דעם איז ער אויף א שבת אראפגעקומען אין אונזער שטעדטעל: ער האט, נעביך, געוואלט פרופען לייהען עטליכע קערבלעך. אבער ווען א פרינץ וואלט אראפגעפאהרען קיין ב. אין א גאלדענער קארעטע, וואלט ער ניט געמאכט אזא רושם, ווי משה חיים׳ם מיט די גאלדענע קנעפ פונ׳ם מונדיר און מיט׳ן בלויען היטעל. קינד און קייט זיינען געלאפען איהם אנקוקען. אלטע אידען האבען געגאפט. אפילו זיין פע־טער פנחס מאקארעווער האט געשמייכעלט אונטער די געדיכטע גרויע וואנצעס און געזאגט מיט געמאכטען כעס: „אהא, פאר־שרפה׳ט זאלסטו ווערען, טאקע אויסגעפיהרט דיינס, געווארען א גוי גמור!״ אויף דער יוגענד פונ׳ם שטעדטעל איז דער איינדרוק געווען אונגעהויער.

ניט איין אידישע נשמה האט משה חיים׳ם ארויפגעפיהרט אויפ׳ן וועג פון בילדונג.

איך וויל נאר דערמאנען הערשעל נחום׳ס. נחום איז געווען פנחס׳ס זוהן, — א פרומער איד, א „צלם׳ניק״, וואס האט מורא געהאט פאר בילדונג ווי א רוח פאר ווייהרויך. הערשעל איז גע־ווען זיין עלטער איינגעל, א לערנער, א קלויזניק, שוין א חתן דערצו. פלוצלונג הויבט ער זיך אויף און פאהרט אוועק קיין זשיטאמיר. מאלט אייך: ס׳איז איהם ניט אנגעקומען אזוי גרינג; ער האט זיך געמוטשט ארוים׳גנב׳ענען פון זיין טאטענ׳ס הויז ווי א פאר־ברעכער. אין זשיטאמיר האט ער זיך עטליכע חדשים געוואלגערט אהן שום פארדיענסטען: געלעבט עפעס אין א קארידאר אנ־שטאט א צימער, געשלאפען אויף הוילע ברעטער, געגעסען מאל־דאטסקע ברויט, וואס ער פלעגט קויפען אין די קאזארמעס עפעס

גאָר בחצי חנם, אַזוי אַז פאַר פינף קאָפּיקעס ברויט האָט איהם געקלעקט אויף אַ גאַנצע וואָך. דאָס אַלעס האָט נים אויסגעמאַכט: דער עיקר — ער האָט געלערנט, זיך געגרייט צום עקזאַמען. עפעס נאָר שפּיעלענדיג האָט ער אויסגעהאַלטען אויף פיער קלאַסען — און אין אַ יאָהר ארום — אין איין יאָהר! — אויף גאַנצע אַכט. אין אוניווערזיטעט האָט ער ניט געקענט אריין, ווייל זיין אַטעסטאַט איז ניט געווען פון די געהויבענע, איז ער אַוועק קיין אַמעריקאַ, זיך אויסגעלערנט ענגליש, געאַרבייט אין די דאָקס אַלס שיף־אַרבייטער און דערביי שטודירט מעדיצין אין אוניווערזיטעט. איצט איז ער אַ דאָקטאָר אין באָסטאָן.

וואָס געהנטער צו אונזער צייט און וואָס ערגער עס איז געוואָרען די לאַגע פון די אידען, האָט מיין שטעדטעל אַלץ מעהר אָנגעהויבען טראַכטען פון עקזאַמען: עקזאַמען אויף אַ לעהרער, אויף אַ דאָקטאָר, אויף אַן אַפּטייקער, און אויף אַ פּראָוויזאָרישער פּריוויליגער, וואָס דיענט נאָר צוויי יאָהר). עקזאַמענס פאַר דריי, פיער, פינף, זעקס קלאַסען, עקזאַמענס פאַר אינגלעך און מיידלעך. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געווען פאַרטאָן אין עקזאַמען. די אַלטע אדיעאַליסטישע טרויעמירעשע „בילדונג“ איז כמעט פאַרשוואונדען: די נייע בילדונג איז געווען פּראַקטיש, קרעמעריש, אויסגערעכענט, גראָשענדיג, — אַ צאָהן־דאָקטאָר האָט פּראַוואָזשיטעלסטווע (רעכט צו וואוינען אויסער'ן תחום) וועט דאָס איהם העלפען אין פּרנסה. אַ הויז־לעהרער איז דאָך בעסער צו זיין, ווי אַ מוכר תבואה'ניק אָדער אַ צעלניקער קרעמער. די שענקייט פון לערנען איז אויך פאַרשוואונדען. מענשען האָבען זיך שוין ניט ממית געווען באהלה של תורה (געמאַטערט צום טויט אין געצעלט פון ווויסענשאַפט). מענשען האָבען געוואָלט „ארייננכאַפּען“ אַן עקזאַמען — אַמאָל מיט שווינדעל, אַמאָל מיט כאַבאַר, אַמאָל גלאַט אַזוי, ווי מען שפּיעלט אין קאָרטען: אפשר וועט אַפּגליקען, מ'וועט ווי ניט איז דרוכקריכען בשלום. ס'האָבען זיך אין שטעדטעל באוויזען נייע מינים לעהרער־ספּעציאַליסטען, וואָס האָבען נים געלערנט, נאָר „אויסגעשטעלט“ זייערע תלמידים,

צוגעגרייט וואס צו ענטפערען, ווען מען וועט זיי פרעגען ביים עקזאמען. די עלטערען האבען שוין ניט מלחמה געהאלטען געגען זייערע קינדער פאר וועלען לערנען, ווי א שטייגער נחום פנחס׳ס, וואס האט ניט איינמאל און ניט צוויי מאל פארברענט הערשעל׳ס ביכלעך אין אויווען. די עלטערען אליין האבען געוואלט, אז די קינדער זאלען „אויסהאלטען״: פלעגט יעדען מאי ארויספאהרען א גאנצע כאפטע יונגוואַרג פון אונזער שטעדטעל קיין אומאן אין ביעלאצערקווע — צום עקזאמען. ס׳איז געווען ליהודים. איינצעלנע זעלטענע קעפ האבען אויסגעהאלטען, די איבעריגע האבען געליטען חרפות בזיונות, געקומען אהיים מיט׳ן ביטשעל, אבער זייער פלאן ניט אויפגעגעבען. אפרים פרידערקע האט אכט מאל נאכאנאנד געהאלטען אויף אכט קלאסען ביז ער איז ענדליך אריין אין אוניווערזיטעט. איצט איז ער ערגעץ א דאקטאר.

הינטער דער גאנצער אנגעשטרענגטער ארבייט האט געלעבט אן אונרוהיגער גייסט און א קאכעדיגע נשמה. מיין שטעדטעל האט געזוכט עפעס בעסערס. מיין שטעדטעל האט ניט געוואלט אריינפאלען אין גלייכגילטיגקייט און יאוש. מיין שטעדטעל איז דאך געווען אנדערש פון צעהנדליגע אידישע שטעדטלעך.

אונזער איינער קען זיך באריהמען, אז ב. האט ארויסגעגעבען צוויי מאלער, איינעם זעהר א באקאנטען, איין שריפטשטעלער, א צעהנדליג דאקטוירים, עטליכע אינזשענירען, א חוץ א געוויסע צאהל אידישע קולטור־טהוער. דאס אלץ איז ארויסגעקומען פון א ישוב וואס איז אזוי גרויס ווי א געניץ.

אידישע פרנסות.

אין מיין שטעדטעל האָט יעדער איד געלעבט פון דער ערד. א שטייגער ווי אזוי ? גאָר פשוט : מ׳האָט געצויגען די פרנסה פון די תבואות און די פרוכטען וואָס וואקסען אויף די פעלדער.

קיין פאבריקען איז אין שטעדטעל ניט געווען. קיין פאבריקען איז בכלל אין דער גאנצער געגענד ניט געווען, א חוץ גאראל־ניעם און סאבארניע זאוואָדען (בראנפען און צוקער־פאבריקען), וואָס האָבען אויך בעאַרבייט די פרוכט פון דער ערד. די ערד איז געווען א פעטע, א רייכע, אפשר די בעסטע ערד אין גאנץ אוקראַאינע. דאָס קאָרן איז געווען אזוי הויך, אז מ׳האָט זיך אין דעם געקענט באהאלטען. די זאַנגען ווייץ זיינען געווען שווער ווי אָנגעגאָסענע מיט בליי. א בוריק האָט געוואויגען אפשר זיבעצן־אכט פונט, און אז מען האָט איהם אפגעבראטען אין הייסען אש און געגעסען רייכטלעכווייז, האָט ער געהאט א טעם ווי אָנגעגאָסען מיט האָניג. א הויפטעל קרויט איז אמאָל געווען אזוי גרויס ווי א זיפ. וועלדער מיט סאָנישניקעס (זון־בלומען) האָבען זיך געצויגען אויף גאנצע מיילען. פון די קערלעך האָט מען געמאַכט דעם גוטען אויל. פון קאנאפליע־קערנער האָט מען געמאַכט דעם פראָסטען אויל, וואָס די גוים פלעגען זיך מיט איהם קוויקען אום „פאָסט" (פאסט־צייט, ווען מ׳עסט ניט קיין פלייש).

דאָס לאנד איז געווען געבענשט מיט רייכע תבואה, רייכע פרוכט, רייכע גערטנער. דער פויער האָט זיך ניט פערנומען מיט קיין זאך, נאָר בעאַרבייט די ערד. דער פויער איז פעסט געזעסען אויף זיין שווארצער, ליעבער, געטרייער ערד און ניט געטראכט פון אנדערע פרנסות. ער האָט זיך אָבער ניט געקענט באגעהן מיט

דעם וואָס זיין אַרבייט האָט איהם געגעבען. ער האָט, למשל, געדאַרפט האָבען קאָסעס און סערפּעס אָקערס און גראָב־אייזענס, טאַקע צו בעאַרבייטען זיינע פעלדער. ער האָט געדאַרפט האָבען זאַלץ און קעראָסין און צוקער און טהעי און אויל און פיש אין זיין בעל הבית'ישקייט. ער האָט זיך אויסגעלערענט טראָגען קליידער געמאַכט פון בוים־וואָהל אַנשטאָט דעם אַמאָליגען גוי'אישען געוואַנט און גוי'אישער לייוועגט. הכלל, ער איז געוואָרען אַ קויפער פון אַלערליי פּראָדוקטען, וואָס אין דאָרף זיינען זיי ניט בנמצא. ער האָט זיך שוין ניט געקענט באַגעהן אָהן דער שטאָדט, ווי ס'זיינען זיך באַגאַנגען זיינע זיידעס. כדי צו קויפען די אַלע זאַכען, האָט ער געדאַרפט האָבען ג ע ל ט. וואו נעהמט מען עס? מען פאַרקויפט אַ טייל פון דער תבואה און פון די איבעריגע ברכות, וואָס די ערד האָט געגעבען. וועמען פאַרקויפט מען? דעם אידען. ביי וועמען קויפט מען? ביים אידען. פאַרשטעהט זיך שוין, אַז דעם אידען'ס פּרנסה איז אויפ'ן ענגסטען אופן צונויפגעבונדען מיט דער גערעטעניש פון דער ערד. איז דאָס יאָהר אויסגעוואַקסען גענוג תבואה און די פּרייזען זיינען גוט, וועט דער איד מאַכען ניש'קשה, איז אויסגעוואַקסען צופיעל תבואה און די פּרייזען זיינען זעהר שטאַרק געפאַלען, איז אַז אָך און וועה אי דעם גוי, אי דעם אידען. איז ווידער געווען אַ שלעכט יאָהר און קיין תבואה איז בכלל ניט געראָטען, וועט זיין אַ הונגער אי אין דאָרף, אי אין שטעדטעל.

אָט אַזוי האָט דער איד זיך ניט געקענט באַגעהן אָהן דעם גוי און דער גוי אָהן דעם אידען. ס'האָט זיך אָבער גערוקט אַ שוואַרצע כמארע אויף ביידע צדדים: די באַפעלקערונג איז געוואַקסען אי אין דאָרף, אי אין שטאָדט. ס'איז געקומען אַ צייט, ווען די ערד האָט שוין ניט געקענט ערנעהרען אַלע פויערים, וואָס האָבען געלעבט אין דאָרף, און דער מסחר מיט'ן דאָרף האָט ניט געקענט געבען פּרנסה אַלע אידען, וואָס האָבען געלעבט אין שטעדטעל. האָט דער פויער אָנגעהויבען הונגערען און ענגער פאַרציהען דעם גאַרטעל; האָבען אידען זיך אָנגעהויבען שלאָגען ווי אַ פיש

אין וואסער און רייסען איינער ביי דעם אנדערען דאָס שטיקעל ברויט פון מויל.

אמת, וואָלט די גאנצע ערד געווען אין די הענט פון'ם פויער, וואָלט אויף אלעמען געקומען א ישועה. איז אָבער אין יעדען דאָרף געווען א פריץ, וואָס האָט געהאלטען א גרויסען מאַיאָנטעק. פון'ם פריץ האָבען אלע געהאט א קנאפען נוצען. די פויערים, וואָס האָבען בעארבייט זיין ערד, האָט ער געצאָהלט נישטיגע שכירות. די פאָר אידלאך, וואָס האָבען זיך אַרום איהם געדרעהט, האָבען יאָ געמאכט גוט, אָבער וויפיעל איז געווען אזעלכע מיוחסים? אפשר איינער, צוויי אין שטעדטעל. די גאנצע הכנסה פון'ם מאַיאָנטעק האָט דער פריץ אויסגעבראכט אין פאריז, אין וויען, אין קראקוי. דאָס דאָרף און דאָס שטעדטעל האָבען דערפון ניט גענאָסען. דאָס דאָרף און דאָס שטעדטעל האָבען נאָר געוואוסט, אז די צייטען ווערען ערגער און לעבען ווערט אלע מאָל שווערער.

די אידען פון מיין שטעדטעל זיינען געגליכען געווען צו פייגלען אויף אן אנגעצויגענעם פיילען־בויגען: אַט־אַט רייסען זיי זיך אָפּ פון'ם אָרט און גיבען זיך ראפּטאָם א יאָג אַהין, וואו עס שמעקט מיט א גראָשען. די אידען פון מיין שטעדטעל האָבען געהאט ברענענדיגע אויגען און זיינען געשלאָפען וואכענדיג: די אויגען האָבען געברענט נאָך א פּאַרדיענסטעל; דער מח האָט ניט געקענט איינשלאָפען, ווייל ס'האָט איהם געענבערט דער געהאנק פון פרנסה.

די שטאָדט איז געווען פול מיט מוכר־תבואה'ניקעס, גרויסע, קליינע, קלענערע און גאָר גראָשענדיגע סוחרים. די גרויסע האָבען געהאנדעלט מיט דער באַהן, געשיקט וואגאָנעם אַזש קיין קעניגסבערג, איינגעקויפט תבואה ביי פריצים און שליאכטיטשעס נאָך איידער מ'האָט זיי אראָפּגענומען פון'ם פעלד. די קלענערע האָבען אויך צוגעשטעלט תבואה צו דער באַהן, נאָר זיי האָבען זי אויפגעקויפט אין קליינע סכומ'ען און האָבען ניט געהאט קיין סך קאַפּיטאל. דער גאָר קליינער האָט געקויפט ביים גוי א זעקעל, א מעסטעל, א טאָפּ תבואה, און זיין גאנצער קאפּיטאל איז באשטא־

נען פון צעהן גילדען. מיט אזוינע קליינע מוכר־תבואה'ניקעס האט עס געשוויבעלט און געגריבעלט אין אונזער שטעדטעל.

ווינטער. דער פראסט ברענט. די אידישע הייזלאך שלאפען. עס לייכט זיך נאך ניט אין קיין פענסטער. דער שניי איז הארט ווי א שטיין און קנאקט אונטער די פיס מיט א קוויטש. פון די הייזער הויבען זיך אן פאוואלינקע ארויסרוקען אידען אין בורקעס, מיט שאלען אויף די אקסלען, מיט באשליקעס אויף די אויערען, מיט פוישטען אויף די פיס — אז וואויל איז נאך די, וואס האבען שאלען און פוישטען און באשליקעס; אנדערע געהען גאר אין פאלטאנדלעך אונטערגעשלאגען מיט ווינד און מיט שמאטעס אויף די שטיוועל אנשטאט קאלאשען. וואוהין געהט מען אזוי פריה? מען וועט ארויסגעהן הינטער'ן שטאדט "איבערנעהמען„ די גויים, וואס קומען עפעס פארקויפען. ווער ס'וועט זיך מזרז זיין, אויפשטעהן פריהער, ארויסגעהן ווייטער, דער וועט גיכער כאפען די מציאה. מען געהט ארויס אויף אנטאנאווקער שליאך, אויף קראטשקיווקער שליאך, אויף ווינהאראדער שליאך. מען געהט א מאל אוועק א וויארסט און צוויי פון שטעדטעל. מען שטעהט. מען ווארט. מען קלאפט זיך א פוס אן א פוס. מען שפרינגט אונטער, כדי זיך דערווארימען. מען הויכט אויף די רויטע פארגליווערטע הענט. מען פאכט מיט זיי, מען רוקט זיי אריין אין די ארבעל. ס'איז קאלט. דער ווינט בלאזט. דער פראסט עסט זיך איין אין די ביינער. ס'איז נאך ווייט צו טאג. די פעלדער ליגען טויט, פארוויקעלט אין א גראהען אומעטיגען נעבעל. עס דערהערט זיך דאס סקריפען פון א שליטען. אהא, ס'פאהרט א גוי! „שא מאיעש פראדאטי?“ (וואס האסטו צו פארקויפען?) ניט געוואורט אויף קיין ענטפער, ארייגערוקט א האנט אין שליטען, א טאפ, א זוף. האסט קארן? האסט הרעטשקע? האסט א תוהן? דער פויער איז ניט צופרידען. דער פויער שילט זיך. „אטשיפיס, סקאזשעני!“ (לאז צורוה, משוגענער). דער פויער איז ביי זיך א מיוחס. ער ווייסט, אז נאך ניט איין איד ווארט אויפ'ן וועג. ס'איז זיך אבער ניט גרינג אפצוטשעפען פונ'ם ערש־

טען אידען. ער לויפט גלייך מיט'ן שליטען, טענצעלט אונטער, האַלט זיך פאַר די שטאַנגען, טרעט ניט אָפּ; ער פרעגט נאָכ־אַנאַנד: „וויפיעל ווילסטו, זאָג! שטעל א מקח!" דער גוי קראַצט זיך אין קאָפּ: אי ער האָט מורא אַנצוּוועהרען א סוחר, אי ער וויל זיך ניט לאָזען נאַרען. ס'הויבט זיך אָן א דינגעניש, א שרייעניש. באַלד כאַפּט זיך אונטער א צווייטער איד און א דריטער. „אוועקט! ס'איז מיין גוי! מיין חזקה!" מען הערט איהם אָבער ווי דעם קאָטער. מען דינגט זיך אויף וואָס די וועלט שטעהט. מען פאַרדרעהט דעם גוי א מח. דער גוי ווייסט שוין ניט, ווער עס האָט איהם פאַרשלייערט. „לאָזט מיך צורוה", שרייט ער, "איך וועל דאָס בעסער אַריינפיהרען אין שטאָדט אַריין. דאָרט וועל איך זעהן: ווי דער עולם, אַזוי איך", וואַרנען איהם די אידען: „וואַרט, אין שטאָדט וועסטו אָנלעגען מיט'ן קאָפּ. אין שטאָדט ביזטו ניט קיין בן־יחיד". קאָכט זיך דער גוי, קאָכען זיך די אידען. און דער פראָסט שנייד'ט ווי מיט מעסערס, און די קעלט קוועטשט אַרוים דעם מאַרך פון די ביינער. און אז א איד האָט שוין מיט מזל איינגעהאַנדעלט א זאַק האָבער צו א פוהר שטרוי צו א מעסטעל קאָרן, ווייסט ער נאָך ניט, וויפיעל ער וועט דערביי פאַרדיענען. אליין קען ער דאָך ניט פאָהרען צום וואָקזאַל, מוז ער אָנקומען צום גרעסערן סוחר — און יענער קען אמאָל אויסדרעהען דעם דישעל און שטעלען אַזא מקח, אז ס'זאָל פינס־טער ווערען אין די אויגען.

אַזוי ווי די מוכר־תבואה'ניקעס, אַזוי די קורעלאַפּניקעס (הענדלער מיט היהנער), אַזוי די יאַיעטשניקעס (הענדלער מיט אייער), אַזוי די קרעמער, אַזוי די בעל־מלאכות. ס'איז געווען צופיעל קרעמער, בעל־מלאכות און הענדלער אין פאַרגלייך מיט דעם מסחר, וואָס מען האָט געקענט מאַכען. אין מיין שטעדטעל האָבען צוויי זאַליאַזניקעס (אייזען־הענדלער) נאָך געקענט האָבען פרנסה. איז געקומען א דריטער און געעפענט אַן אייזען־געשעפט, האָט ער געמוזט ברעכען רוק און לענד, אָדער אַלע דריי זיינען גע־וואָרען קבצנים. אין מיין שטעדטעל האָט מען זיך געריסען פאַר

א גראָשענעם פּאַרדיענסט, מ'האָט אויפגעטאָן די קלינגסטע אויבער־ המצאות צוליעב א כזית ברויט, מ'האָט זיך געשאַרפט אַ מח און מ'האָט איהם אויסגעשאַרפט ווי א בלאַנקער מעסער — און מ'האָט אַלץ ניט געגעסען צו זאַט.

געוועזן א לעבען אין איין פּחד, א לעבען אין יאָגעניש, אין אימפּעט: אויב מ'האָט יאָקאָס פּאָרט געלעבט און געאָטעמט און נאָך חתונה געמאַכט קינדער און אפילו געטראַכט וועגען העכערע ענינים, איז דאָס באמת א וואונדער. גרויס איז די געדולד פון'ם אידישען פאָלק און שטאַרק איז געוועזן דער גייסט פון מיין שטעד־ טעל, אויב עס איז פּאָרט געבליבען אַן אָרט פון ערעלקייט און תורה און פיינקייט.

געצעהלטע בעלי בתים האָבען געפיהרט א רוהיגען לעבען און ניט געציטערט פאַר'ן מאָרגען. דאָס זיינען געוועזן די גליקליכע, וואָס זיינען ארויסגעגאַנגען פון זייערע שטעדטעלדיגע דלד אמות און זיך פאַרבונדען מיט דער גרויסער וועלט. א איד האָט געהאַנ־ דעלט מיט וואַלד. א איד האָט צוגעשטעלט געהילץ צום באַהן. א איד האָט צוגעשטעלט פּראָדוקטען אין די קאַזאַרמעס אין אומאַן. א איד האָט איינגעקויפט תבואה ביי פּריצים. א איד האָט גענו־ מען דעם פּאָדריאַד אויף א בנין אָדער א שאָסע אָדער א בריק. א איד האָט געהאַלטען א מיהל אין א דאָרף. געוועזן עטליכע אי־ דען, וואָס האָבען אפילו געהאַלטען מאַיאָנטקעס אין ארענדע — פּאָסעסאָרס האָט מען זיי גערופען — כאָטש על פּי זאָקאָן האָט א איד ניט געטאָרט ארענדירען קיין ערד. די אַלע האָבען שוין גע־ האָט א פרייען קערבעל און האָבען ניט געפיהלט, אז אימיצער שטעהט הינטער זיי מיט א בייטש.

העכער פון אָט די אַלע בעלי בתים זיינען געשטאַנען די גבירים, די בכבוד'יגע דיזיקעס און די אויפגעקומענע קאַנאַהאַרס: דאָרט האָבען, ווי זאָגט מען, הינט געטראָגען גאַנצע קעפּ. אָבער דאָס זיינען געוועזן די איינציגע פּאָר משפּחות, וואָס האָבען זיך געבאָדען אין שפע.

דאָס שטעדטעל בכלל, דער ראשו ורבו פון דער באַפעלקערונג,

האָט זיך געצאַפּעלט אין אָרימקייט, ווי אַ פליג אין שפּין־געוועב. מ׳האָט געטריקענט דעם מאַרך און געצוויגען דעם זאַפט פונ׳ם האַרצען.

און די אידען האָט מען דאָך גערופט האָבען! ווי דאָס לאַנד האָט זיך ניט געקענט באַגעהן אָהן דעם ערד־אַרבייטער, האָט עס זיך פּונקט אַזוי ניט געקענט באַגעהן אָהן דעם בעל מלאכה און דעם סוחר. אָבער גערה האָב טענות! פאַרלאָזען דעם תחום האָט מען ניט געטאָרט, און דער וועג צו אַנדערע פּראָפעסיעס איז געווען אַזוי גוט ווי פאַרשלאָסען. האָט מען געפּיהלט, ווי עס ווערט ווענינגער לופט, ס׳פאַרשווינדט די ערד פון אונטער די פיס.

און דאָך מוז מען פאַרצייכנען, אַז אין די ערגסטע צייטען איז דער איד פון מיין שטעדטעל געבליבען אַ בן־חורין. די אָרימקייט האָט ניט אויפגעגעסען זיין נשמה, ניט געבראָכען זיין געמיט. אַ שמייכעל, אַ ווערטעל, אַ הלצה׳לע איבער זיך און איבער אַנדערע, אַ געשמאַקע מעשה — און ער האָט שוין גובר געווען די דאגת פּרנסה, ער האָט אָפּגעטרייסעלט פון זיך דעם אומעט, ער איז פריי. ער האָט אַלצדינג אין דער אדמה. ניט ווערט אַ דרייער. אָבי דער מענש איז אַ מענש.

דער גוי און דער איד אין דער אוקראינער שטעדטעל.

אין מיין שטעטיל האָט דער גוי ניט פיינט געהאט דעם אידען און דער איד האָט ניט פיינט געהאט דעם גוי. וואָלטען זיך קיין זייטיגע ניט אריינגעמישט, וואָלטעןביידע פעלקער געלעבט בשלום ושלוה.

איך בין אויסגעוואקסען אין דערפער און וועלדער. אין מיינע אינגערע יאָהרען האָב איך געזעהן מעהר גויים ווי אידען. איך האָב גערעדט זייער שפּראך פּונקט אזוי ווי מיינע. און איך האָב זיך קיינמאָל ניט אָנגעשטויסען אויף שנאה צום אידען א ל ס א י ד ע ן.

דאָס הייסט ניט, אז ס'איז געווען לויטער ליעבשאפט און פריינדשאפט. ווי קען זיין ליעבשאפט דאָרט וואו ס'איז שווער אויפ'ן הארצען און מ'איז ניט זיכער מיט'ן שטיקעל ברויט. דער גוי און דער איד האָבען געלעבט פון דער זעלביגער ערד, געלעבט אין נויט. דער גוי האָט פאר זיין תבואה פארלאנגט וואָס מעהר; דער איד האָט איהם געוואָלט געבען וואָס ווינציגער. דער גוי האָט געפרובט נארען דעם אידען, דער איד האָט „געפריצעוועט" דעם גוי. האָט א שוסטער אויפגענייהט א גוי א פּאָר שטיוועל און יענער איז איהם געבליבען שולדיג א קערבעל, האָט ער זיך שוין געמענט מיט דעם געזעגענען אויף אייביג. האָט א גוי געבראכט גערשטען אין שטאָדט אריין, האָט ער געדארפט אכטונג געבען אויף דער וואָג מיט זיבען אויגען. טאָמער האָט ער געכאפּט דעם אידען ביי „מאכען קונצען", זיינען פּעטש געפלויגען ווי האלושקעס. איז א גוי אריינגעקומען אין א אידישער קראָם, האָט מען איהם געדארפט היטען, עס זאָל זיך עפּעס ניט צוקלעפּען צו זיינע פינגער.

טאָמער האָט זיך יא געטראָפען א מכשול, האָט ער שוין געהאט דאָס עהרליכע אויסקומעניש און געוואוסט „פּאַטשאָם פּונט ליכא" (וויפיעל עס קאָסט א פונט צרות).

דאָס אלץ איז געווען א וואָכעדיגער גאנג און ס'האָט אנדערש ניט געקענט זיין אין א לאַנד פון אָרימקייט און דחקות. אָבער דאָס האָט זיך ניט פארשפרייט פון דעם יחיד אויפ'ן כלל. דער איד האָט געוואוסט, אז ס'איז דאָ עהרליכע גויים, כשר'ע גויים, וואָס אז זיי זאָגען א וואָרט, איז הייליג. די גויים האָבען געוואוסט, אז ס'זיינען דאָ פיינע אידען, לייטישע געשעפטסלייט, וואָס מען מעג זיך אויף זיי פארלאָזען. נאָך מעהר: ס'איז געווען א כלל, אז סתם איד איז נ י ט שלעכט. ס'איז געווען א שכנ'ישע באַציהונג, א גוטמוטיגע חבר'שאפט צווישען גוי און דעם אידען.

דער איד האָט, נאַטירליך, ניט געהאלטען פון דעם גוי'אישען גאָט. ער האָט זיך אָבער פאר איהם ניט געשראָקען. ס'איז געווען אַן אונטערשייד פון שפּראַכען, פון קולטורען, פון רעליגיאָנען, פון מנהגים. אָבער מ'האָט געלעבט אזוי נאָהענט איינער צום אַנדערען, אז מ'האָט זיך פ א ר ש ט א נ ע ן. ניט געווען קיין שום געהיימנים פאר'ן אידען אין די גוי'אישע רעליגיעזע צערעמאָניעס, אין די גוי'אישע ימים טובים. מיר האָבען געוואוסט, ווען ביי די גוים איז „פּאָסט" און ווען איז חגא, ווען מען געהט אויפ'ן אייז און ווען מען באַקט די פּאסקעס. און ס'האָט אונז קיין פּיצעל ניט געאַרט, וואָס דער גוי געהט ניט אין שול אריין און זאָגט ניט קיין תהלים.

דאָס אייגענע מיט'ן גוי בנוגע דעם אידען. דער גוי האָט געוואוסט אַלצדינג וועגען אידען און דעם אידישען לעבען. דער גוי האָט געהאט א געוויסען דרך ארץ פאר די אידישע רעליגיעזע מנהגים. איז א איד דורכגעפאָהרען אין דאָרף און זיך אָפּגע-שטעלט דאַווענען אין א גוי'אישער שטוב, האָט מען ניט אָפּגע-שפּעט פון זיין טלית און תפילין. פארקעהרט, די גוי'ע האָט נאָך אָנגעשריען אויף די שרצים'לעך, וואָס זיינען געקראָכען דעם אידען אין די אויגען. די גוי'ע האָט געזאָגט: „מען טאָר איהם ניט

טשעפען, ער בעט צו זיין גאָט". און דאָס איז געווען געגוב. די גוי'ע האָט געוואוסט, אז א איד טאָר ניט עסען קיין טריפה פלייש און קיין חזיר, האָט זי איהם געגעבען פריסנע פלעצעל און געבראָטענע קארטאָפליעס. זי האָט איהם אָבער ניט פיינט געהאט פאר זיינע אידישע „זאבאבאָנעס". אזוי הייסט איהם זיין גאָט — קען מען האָבען טענות ?

אין אונזער שטעטיל זיינען אידען און גויים אָפט געגאנגען איינער צום צווייטען. פלעגט קומען א פסח אָדער א סוכות, זיינען גוי'אישע בעלי־גופים געגאנגען גוט־יום־טוב בעטען צו אידישע באקאנטע סוחרים. מ'איז געזעסען ביים טיש, געשמועסט, גע־טרונקען א גלעזעל בראנפען, זיך געוואונשען אלדאָס גוטס. פלעגט, ווידער, קומען א גוי'אישער יום טוב, האָבען אידישע בחורים זיך געלאָזט אויף דער גוי'אישער גאַס. אמת, א איד א חשוב, א איד א בר תורה וועט זיך ניט מאכען נידריג און געהן פארברענגען מיט גויים. דאָס איז געווען שלא לפי כבודו. דער אונטערשייד אין קולטור האָט זיך בכלל שטארק געלאָזט פיהלען. דער איד האָט פארשטאנען א סך מעהר ווי דער גוי, ער האָט געקענט לייענען און שרייבען און האָט פון זיך געהאלטען אן עולם ומלואו. ס'זיינען אָבער געווען פשוט'ע אידען, גראָבע ברידער, וואָס האָבען זיך גע־פיהלט אין א גוי'אישער קאָמפאני אפשר א סך בעסער, ווי צווישען עדעלע אידען. געווען בעל־עגלות, שוסטערס, קאָוואלעס, שטעל־מאכעס, גארבער, וואָס האָבען זיך גע'חבר'ט מיט די גויים און צו זיי געגאנגען אונטער א שמחה, געגעסען זייערע געפארבטע אייער — „קראשאנקעס" און "פיסאנקעס" — געטרונקען זייער בראנפען. ס'איז געווען א שטענדיגע ענגע פארבינדונג צווישען דער אידישער און גוי'אישער גאַס, צווישען דעם דאָרף און דעם שטעטעל. אין יעדען דאָרף איז געווען א פּאָר אידען — קרעמער אָדער בעל מלאכות. אויף אַט די אידען האָט דאָס דאָרף געקוקט ווי אויף אייגענע. מ'וואלט קיינעם ניט געלאָזט זיי אָנריהרען די מינדעסטע האָר: שקצים'לעך און אידישע קינדער האָבען געלעבט ווי ברידער. טאָמער איז א איד אריינגעפאָהרען אין דאָרף און די שקצים'לעך

זיינען איהם נאָכגעלאָפען מיט היטעל אין מויל און געשריען „ושיר חאלאמיי", איז דאָס געווען קונדס'עריי מעהר ווי שנאָה.

אין אונזער שטעדטעל איז געווען אַ משפּחה גויים מיט'ן נאָמען די וואריטשעס. זיי זיינען געווען די רייכסטע בעלי־גופים, די שטאַרקסטע שלעגער, די טיעפּסטע טרינקער און די גרעסטע מאָדניקעס. אַ וואריטש פּלעגט זיך באַווייזען אין גאָס, איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייס לייווענטען העמד, וואָס האָט געשיינט ווי דער געפאַלענער שניי. דאָס העמד איז געווען אויסגענייהט מיט רויטע און בלאָהע און געלע אוזאָרען — צלם'לעך — וואָס האָבען ממש פאַרכאַפּט דאָס אויג. אויף די פיס האָט אַ וואריטש געטראָגען טייערע שטיוועל מיט לאַנגע חאָליאַוועס צונויפגעלעגט ווי אַ קאַטערינקע און מיט מעשענע צוועקלעך אויסגעקלאַפּט אויף דער הינטערשטער זייט פון'ם קעפּעל. אויף די שטיוועל האָט אַ וואריטש אָפּט געטראָגען גומענע קאַלאָשען, וואָס האָבען געגלאַנצט פאַר אַ מייל. פאַר אַ מאַנטעל האָט ער געטראָגען אַ שוואַרצע סוויטע, טאַקע פון גוי'איש געוואַנט, אָבער דאָך ווייך, בעסער ווי פאַבריטשנע. די סוויטע האָט ער געטראָגען אויף איין אַרבעל — ווי צו ווייזען, אַז ער האָט אַלעמען אין דער ערד. אַ וואריטש געהט — מאַכט אַ וואַרע! געווען זיינען די וואריטשעס געזונט ווי אייזען, מיט ווייסע פּנים'ער, לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס, קוטשמעס האָר אויף די קעפּ. אמת'ע סאַמאַראַדנע „כאָכלעס". געווען גרויסע רוצחים, אָט די וואַריטשעס. גויים פלעגען מיט זיי האָבען צו זינגען און צו זאָגען. האָט אַ וואריטש געהאַט עפּעס אַ סכסוך מיט אַן אַנדער גוי — האָט זיין חברה איהם דערצעהלט די שעהנע מעשה און ס'איז געווען — פאַרפאַלען.

נו, האָט איינמאָל געטראָפען, אַז אויפ'ן יאַריד האָבען אָנגעפאַרענע גויים זיך עפּעס צוקריגט מיט די אידען פון אונזער שטעטעל און ס'האָט געהאַלטען ביי אַ געשלעג. גוים האָבען זיך שוין גענומען צו די בייטשען מיט די ווילעס מי די דישלעס, און ווער ווייס צו וואָס ס'וואָלט דערגאַנגען. אויף די אידען איז אָנגעפאַלען אַ

מורא. די פרעמדע גויים זיינען געווען שכור און צורייצט — און די אידען האבען אנטקעגען זיי קיין כח ניט געהאט. נו, האט מען געלאזט וויסען די וואריטשעס. זיינען די וואריטשעס אראפ־געקומען אין מארק אריין, א גאנצע באנדע, געזונטע שקצים, ווי די בערען, און מ׳האט זיך אווארף געטאן אויף די פרעמדע גוים און מ׳האט זיי אנגעבראכען די ביינער „פא נאשעמו“, מ׳האט געראטעוועט די אידען.

ס׳איז ניט געווען, אייגענטליך, קיין גרונד פאר א פיינדשאפט צווישען די גויים און די אידען. דער גוי האט געדארפט האבען דעם אידען פונקט ווי דער איד האט געדארפט האבען דעם גוי.ביידע פעלקער האבען געלעבט אויף דער זעלביגער ערד הונדערטער יאהרען, און ביידע האבען געהאט א רעכט אויף זייער פלאץ אונטער דער זון. ערשט ווען עס האט זיך אנגעהויבען די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין רוסלאנד און פאגראם־אגיטאציע איז אריין אין פראגראם פון דער רעגירונג, האט זיך באוויזען א פיינדשאפט. אבער אויך אט די פיינדשאפט האט ניט ארייננעדרונגען טיעף אין די מאסען. די פיינדשאפט איז געגאנגען ניט פון אינעווייניג, נאר פון דרויסען. זי איז געקומען מיט אנגעפאהרענע שווארץ מאה׳דיגע אגיטאטארס, מיט גלחים, וואס מ׳האט זיי ג ע ה י י ס ע ן ארגאניזירען „פאראייניגען פון׳ם רוסישען פאלק“, מיט פריצים, וואס האבען געוואלט ארויפווארפען זייער שולד אויף די אידען. די פיינדשאפט איז געווען אן אויפגעבלאזענע, א געמאכטע. מ׳האט דערצעהלט דעם פויער, אז דער איד איז אן עקספלואטאטאר, אז ער זויגט פון איהם אויס דאס בלוט, כאטש ווי האט ער געקענט זויגען בלוט, אז ער איז אליין געווען הונגעריג און עלענד. מ׳האט דערצעהלט דעם פויער, אז דער איד איז א שונא פון זיין רעליגיאן, פון זיין גאט. מ׳האט באשאפען דעם ביילים פראצעס און מ׳האט דערצעהלט די מאסען, אז אידען דארפען קריסטליך בלוט אויף פסח. מ׳האט גערייצט דעם פאטריאטישען אינסטינקט פון דעם פויער: מען האט איהם געזאגט, אז אידען ווילען אומברענגען זייער ליעבען פאטער, דעם קיסר ניקאלאי. די אגיטאציע האט אויפגערודערט

דאָס שלעכטע בלוט פון די פויערים און האָט באַשאַפען אַ בייזע שטימונג.

אָבער אפילו אָט די שטימונג איז נאָך ניט געווען געפעהרליך. ס'איז פונקט אַכט יאָהר זינט איך בין געווען אין יענע מקומות. איך בין אויסגעפאָהרען אַ סך שטעדטלעך. איך האָב גערעדט מיט אַ סך אידען. איך האָב פאַרבראַכט אַ שטיק צייט ביי מיינער אַ שוועסטער וואָס וואָהנט אין אַ דאָרף. איך האָב געזעהן די באַציהונגען צווישען די פויערים און די אידען. ס'איז נאָך אַלץ געבליבען אַ גרויסער טייל פון דעם אַמאָליגען פריעדען. די פויערים אין מיין שוועסטער'ס דאָרף האָבען נאָך אַלץ געהאַלטען „זייערע" אידען פאַר אייגענע. די פויערים האָבען געקוקט אויף די שטעטעלדיגע אידען ווי אויף זייערע שכנים. אמת, די לאַגע אי פון די פויערים, אי פון די אידען איז געוואָרען אַ סך ערגער. די בלייבע נויט האָט געהערשט אומעטום. די פויערים האָבען זיך אָנגעהויבען לערנען די תורה פון קאָאָפעראַציע — און קאָאָפעראַטיווע געשעפטען האָבען זיך געעפענט אין פאַרשידענע דערפער. דאָס איז דערווייל ניט געווען קיין סכנה, וואָרים די אידען האָבען בדרך כלל פאַרקויפט ביליגער, ווי די קאָאָפעראַטיווען. אָבער ס'האָט געקענט ווערען שלעכט. דער עקאָנאָמישער פונדאַמענט איז אַלץ שמעלער געוואָרען אונטער די פיס פון די אידען.

אין יענער צייט זיינען מיר אָבער אַלע געווען זיכער, אַז קוים ווערט רוסלאַנד פריי און דער איד באַקומט אַלע רעכט, וועט די קלענסטע שפור פון פיינדשאַפט צורונען ווערען אין אוקראַינע. מיר האָבען געגלויבט אין דער מאַכט פון ליכט. מיר האָבען געהאָפט, אַז אידען וועלען אויפלעבען אין אַ פרייער מדינה.

אוקראַינע, אוקראַינע! וואָס פאַר אַ פלוך האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דיר! וואָס איז געוואָרען פון דעם גאָלדענעם געבענשטען לאַנד!